STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11770

HIMEL UN ERD

Avraham Vieviorka

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11770-6

D:\YIDDISH\TITLES\9780657117702T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אברהם וויעוויארקא.

הימעל און ערד.

(ערשטער באַנד.)

לעמבערג, 1909.
אַרויסגעגעבען פֿון ח. איצקאָוויטש.

דמיון.

(דערצעהלט פֿון אַנ'אלטען חסיד).

דעם גרויסען חסיד **י. ל. פרץ**

צוגעטראָגען.

I.

אָנגעהויבען האָט עס זיך דורך אַ קליינינקייט — דורך אַ מילגרוים. ומעשה שהיה כך היה:

יצחקל האָט פּינקט אין יענע טעג געלערנט אַ סוגיא חמורה, אין וועלכער ס'האָט זיך געשמועסט וועגען אַ ברכה איבער אַ מילגרוים. האָט ער זיך פלוצלונג צו אַ מילגרוים פערגלוסט. ס'איז דאָך פאַרהאַן אַ פּרי אויף דער וועלט — האָט ער זיך מתאונן געווען פאַר'ן פאָטער, פאַר'ן „זקן" זכרונו לברכה — איבער וועלכער כ'האָב נאָך קיין ברכה ניט געמאַכט... כ'האָב דאָך דעם כביכול ניט אָפּגעגעבען וואָס איהם קומט...

און מיט יעדער רגע איז ביי איהם געוואַקסען די תשוקה צו אַ מילגרוים, און אַזוי ווי מ'האָט דאַמאַלס שטאַרק מורא געהאַט פאַר איהם, ער זאָל ניט, חס ושלום, צוריק אַריינפאַלען אין זיין פרי־העררדינגען עצבות, האָט מען אַרויסגעשיקט צוויי חסידים איבער'ן שטעדטעל, זיי זאָלען אויסזוכען אַ מילגרוים.

מ'האָט איהם געבראַכט די פּרי, מיט גרויס התלהבות האָט ער די ברכה געמאַכט און געטיילט דעם עולם צו שטיקלעך, זיי זאָלען אויך אַ ברכה מאַכען.

אין אַ פּאָר טאָג אַרום איז ער אָבער געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז ניט קיין מילגרוים געווען נאָר אַ טערקישע נוס, איז ער אין אַ שטאַרקע מרה־שחורה אַריינגעפאַלען. צי דען נאָר מילגרוימען זענען אויף דער וועלט פאַרהאַן? האָט ער בעיטענה'ט. אַזויפיעל פּירות, אַזויפיעל זאַכען האָט גאָט אויף זיין וועלט בעשאַפען, און מ'קאָן איהם ניט אָבדאַנקען, מ'קאָן איהם דאָס זייניגע ניט אָפּגעבען — און זיין עצבות האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג.

האָט זיך דער „עולם" אַ נעהם געטהון צו אַ י. ה. ר. צו אסתר'לען, זי זאָל זעהן פון איהם די מרה־שחורה פערטרייבען. נאָר זי — מוחל זאָל זי מיר זיין — איז געווען אַביסעל תמ'עוואַטע און ניט געוואוסט וואָס צו טהון. אפילו געווען אַ בת־גדולים, נאָר ווי ס'קוקט אויס אַ כשר קעלבעל; ער הערט דען אפילו, וואָס איך רעד צו איהם? האָט זי געזאָגט מיט אַ געוויין — איך רעד צו איהם און ער — קוקט אין פענסטער...

אַנ'אַנדערע אויף איהר אָרט, וואָלט שוין געוואוסט וואָס צו טהון — פאָרט עפּעס אַ ווייב, „אשתו כגופו"... זי אָבער... און אפשר איז זי אויך ניט שולדיג געווען. ס'איז געווען דערביי נאָך אַ מעשה, וואָס אַז מ'וויל, קאָן מען זאָגען, אַז ס'איז דער עקר המעשה, די נשמה פון דער מעשה, און יענץ מוזט איהר אויסהערען מיט קאָפּ מיט כונה, דען מען מוז מעהר פערשטעהן ווי מ'קאָן אַרויסזאָגען.

II.

איהר דאַרפֿט וויסען, אַז א ס ת ר ׳ ל איז געווען שוין יצחק׳לס צווייטע ווייב, דער זיווג שני. זיין ערשט ווייב האָט געשטאַמט פֿון די „לובלינער״ און יצחק׳ל האָט מיט איהר חתונה געהאַט צו זעכצעהן יאָהר, מילא. וועגען יענער — רחל׳ע האָט זי געהייסען — איז אָבגערעדט! דאָס איז געווען עפּעס אַ זעלכעס. וואָס באַווייזט זיך אויף דער זינדיגער ערד איינמאָל אין יובלות. נאָך דער חופּה האָט ר׳ „א ב ר ה מ׳ ל ע ש ר ף״ אין זיין תורה געזאָגט, אַז זי האָט אַ ניצוץ פֿון בת שבע׳ן... אַ יפת תואר. איז אַזעלכעס נישט געווען צו געפֿינען אפילו ביי קיין פּאַרצייטישע בת מלכה! מ׳דערצעהלט, אַז דער „זקן״ ד׳ל האָט געזאָגט צו יצחק׳לען:

—כ׳בין דיר מקנא, יצחק׳ל, דיין תפלה וועט גאָר אַן־אַנדערע זיין—אַז מ׳זעהט רחל׳עס אויגען פֿאַר׳ן דאַווענען, בעקומען נאָר די ווערטער, די אותיות אַנדערע פֿליגעל.

און באמת, וואָס פֿאַר אַ השגה האָט איהר, וואָס יצחק׳ל איז דאַמאַלס געוואָרען! — זיין דאַווענען איז דאַמאַלס געווען פֿייער, יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, האָט געשפּריצט מיט פֿלאַמען! דער גאַנצער „הויף״ האָט דאַמאַלס גאָר אַן־אַנדער צורה בעקומען, יעדער שטיין האָט געלעבט, די ווענד האָבען ווי נשמות אין זיך אַריינגעקריגען און יצחק׳ל אַליין איז גאָר־נישט דער איינענער געווען; פֿריהער איז ער שטענדיג געווען אַ שטילער, אַ פֿערקלערטער, קיינמאָל קיין שמייכעל געטהון, געקענט פֿאַרבלאָנדזען אין וועלדעל אַריין אויף אַ גאַנצען מעת־לעת, ער איז אַ גרויסע נשמה געווען, יצחק׳ל, אַ גרויסע... ס׳איז איהם איינפֿאַך ע נ ג געווען אפילו ביים „זקן״ ד׳ל אין „הויף״. נאָך דער חתונה, אָבער, איז ער לוסטיג געוואָרען, שטענדיג געווען פֿול מיט שמחה, די אויגען האָבען איהם געשיינט ווי לבנה׳ס, להבדיל.

— ז י האָט מיר אַלע ספקות פֿערענטפֿערט — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו ר׳ „אברהמ׳ל שרף״, וועלכער האָט איהם געפֿרעגט, וואָס די שמחה איז ביי איהם אַזוי גרויס...

מיר, זקנים, אַז מיר דערמאָנען זיך יענע טעג, ווילט זיך אונז וויינען פֿאַר צער וואָס ס׳איז פֿון „הויף״ געוואָרען — ווער ס׳האָט דאַמאַלס די קלאַמקע בעריהרט, איז געהאָלפֿען געוואָרען, ווער מיט אַ בן־זכר, ווער מיט הכנסת כלה, ווער מיט פּרנסה — אַ דאגה וואָס, „כלל ישראל״ דאַרף אַלץ!... מיט איין וואָרט, ס׳איז געווען אַ שפֿע... מוז, אָבער, דער מקטרג גובר זיין, און רחל׳ע איז נסתלק געוואָרען!

אַ דבר־קטן, וואָס ס׳האָט זיך דאַמאַלס אין הויף אָבגעטהון, ווען זי איז קראַנק געלעגען! יצחק׳ל איז געווען ממש „לא מש״, קיין רגע נישט אָבגעקערט פֿונ׳ם בעט. ד ע ר מענש האָט געאַרבייט. אַז ס׳האָט קיינער נישט פֿערשטאַנען פֿון וואַנען ס׳נעמט זיך צו איהם דער כח, ער האָט דאַמאַלס אַרויסגעוויזען גבורה פֿון אַ קדמון: רבונו של עולם — האָט ער אַ געשריי געטהון — א י ך וויל, אַז רחל׳ע זאָל בלייבען לעבען, און זי מוז בלייבען לעבען — אָבער א י ה ר האָב איך מעהר דעה צו זאָגען ווי דו!...

און דער „זקן״ ד׳ל! — יעדער קרעכץ זיינער, יעדער זיפֿץ האָט הערצער געשפּאָלטען...

שרעקליך און נוראדיג האָט געמוזט זיין דער כח פֿון קטיגור, אַז דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפֿען און זי איז נפטר געוואָרען... וואָס דערנאָך איז געווען, איז נישטאָ

וואָס צי רעדען; ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז יצחקיל האָט „מטיח״ געווען כלפּי מעלה, האָט גערעדט זעהר שאַרפֿע ווערטער צום „הימעל״. מילא „אין אדם נתפּס על צערו״. . — עפּעס אַ קליינינקייט וואָס פֿאַר אהבה נאמנה צווישען זיי איז געווען !...

דער „זקן״ ז״ל איז געווען שטאַרק צורודערט, האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד... די שכינה — האָט ער געזאָגט — האָט זיך פֿון הויז אָבגעטהון... דער גאַנצער „הויף״ אַלע איינקלעך, איידעמס און שנורס זענען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטענס. . .

מילא, אַלע האָבען זיך דערנאָך ווי ס׳איז גלײַך געשטעלט, נאָר יצחקיל אַליין איז אַרײַנגעפֿאַלען אין אַ שרעקליכער מרה־שחורה, האָט צו קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט. אפילו אין אַ ספר האָט ער נישט געקענט אַרײַנקוקען, און טיילמאָל האָט ער זיך הויך צעוויינט אויפֿן קול, אַז האָר און נעגעל האָבען זיך קאַפּויר געשטעלט... זײַן מרה־שחורה האָט זיך פֿון טאָג צו טאָג געשטאַרקט, און ווער ווייס ווי ווײַט עס וואָלט געגרייכט, ווען נישט דער „זקן״ זיל, וואָס האָט זיך מיט אַלע כחות אַרײַנגעלייגט דערין, האָט מיט איהם געטענה׳ט, גערעדט, און צום סוף איהם... חתונה געמאַכט מיט אסתר׳לען... און ס׳האָט טאַקי אַביסעל געהאָלפֿען. די פֿריהעריגע שמחה האָט אפילו צו איהם נישט צוריקגעקערט, נאָר אין „עבודה״ האָט ער זיך שטאַרק אַרײַנגעלאָזט. יום ולילה געזעסען איבער ספרים און געאַרבייט. אסתר׳ל — זאָגט מען — האָט זיך אפילו געזשאַלעוועט פֿאַרן „זקן״, אַז ער איז זיך ניט נוהג מיט איהר ווי מיט אַ ווײַב— רעדט מיט איהר קיין וואָרט נישט, און ס׳שרעפּט זיך, אַז ער זעצט זיך אויף גאַנצע שעה׳ען אַוועק, קוקען אין פֿענסטער אַרײַן... דער „זקן״ ז״ל האָט נור אַ זיפֿץ געטהון און געזאָגט: מײַן קינד איז אַ גדול, ער וועט שוין זײַן וועג געפֿינען... און באמת האָט מען דאַמאַלס גערעכענט, אַז אַ נײַער „דרך״ וועט פֿון יצחקילען בעשאַפֿען ווערען — די „עבודה״ איז געווען אַ גוואַלד! נאָך מיט מעהר עמקות ווי בימי רחל׳ע, די גאַנצע זאַך אין נאָר געווען דאָס, וואָס ס׳איז געניג געווען אַ ליאַדע ענמת־נפשיל, ס׳איז נענוג געווען, ער זאָל זעהן אַ יוד אַ עובר זײַן אויף אַ סגיל, אַז ער זאָל אַרײַנפֿאַלען אויף אַפּאָר שעה אין עצבות...

פֿערשטעהט איהר מיך, א י צ ט, בײַ דער מילגרוים, אַז ער איז צוריק אַרײַן אין זײַן פֿריהעריגער מרה־שחורה, איז די שרעק אין „הויף״ געוואָרען גרויס, זײַן טרויער— האָט מען געזעהען— שטייגט פֿון טאָג צו טאָג, האָט מען געלייגט די האָפֿנונג אויף אסתרילען, פֿאָרט אַ ווײַב! אַז זי האָט אָבער געזאָגט, אַז ער הערט זי נישט, זי רעדט און ער קוקט נאָר אין פֿענסטער, האָט דער „עולם״ גלײַך פֿערשטאַנען, וואָס עס טהוט זיך, מ׳האָט פֿערשטאַנען אַז דער מקור, דער קוואַל פֿון זײַן עצבות איז דאָרט, אויפֿן בית־עולם, מ׳האָט געפֿיהלט אַז עפּעס ר ו ק ט זיך צו, און אַ שטאַרקער פּחד האָט דעם „הויף״ אַרומגעכאַפּט. . .

פֿינסטערע טעג זענען דאַמאַלס געווען, דער „זקן״ האָט נישט געוואָלט אָננעהמען קיין עולם; דערווײַל—האָט ער געטענה׳ט— קאָן איך מיר אַליין נישט העלפֿען, כ׳בין היינט צו שוואַך, צו שטעהן פֿאַר כלל ישראל . . . ערשט, אַז די ג ר ו י ס ע האָבען זיך אַרײַנגעלייגט דערין, אַז ר׳ שמחה׳ל ע האָט אַ געשריי געטהון: רבי, איהר ווילט די וועלט חרוב מאַכען ?!... איז ער מרוצה געוואָרען אָנצונעהמען פֿון מוצאי־שבת צו מוצאי־שבת. נאָר ס׳איז שוין נישט געווען ד אָ ס; דעם ערשטען מוצאי־שבת, וואָס ער האָט צוריק אָנגעהויבען אָנצונעהמען, האָבען זיך די חסידים אַרומגערעדט ווי

אבלים, נאָכין אַרויסגעהן פּוּנים געזעגנען; די ליכטיגע אויגען — האָבען זיי געזאָגט — וואָס האָבען שטענדיג געלויכטען מיט שמחה, זענען מיט אַ וואָלקען איבערגעצויגען געוואָרען, דער גרויסער ווייסער שטערען איז געראונצעלט געוואָרען און אַ מראה געקריגען פון אַ שטיקעל „קלף", פון אַ שטיקעל אַלטען פּאַרמעט, וואָס מ'נעמט פון „שמות" אַרויס... און גרוי איז ער געוואָרען ווי אַ טויב, ווי אַ בן שמונים, (דאַמאַלס האָט מען איהם טאַקי דעם נאָמען געגעבען: „זקן") און גערעדט האָט ער ווינציג. אַז מ'האָט איהם עפּעס איבערגעפּרעגט, האָט ער זיך פּשוט געבעטען: לאָזט מיך אָב... וואָס קאָן איך דען העלפען?... אַזוי, אַז וועגען „דברי חול", למשל, פּרנסה, אַ משפט, וכדומה, האָט מען נאָרנישט געפּרעגט. ערשטענס, האָט מען דאַמאַלס מורא געהאַט צו פרעגען וועגען אַזעלכע זאַכען... והשנית, וועמען איז דאַמאַלס דער קאָפּ געשטאַנען צו אַזעלכע קלייניגקייטען? אַז אַלץ האָט זיך געשוּבל'ט אין שאָטען! דער „הויף" איז געווען אײַנגעטונקט אין עצבות, אין אבלות רחמנא-ליצלן, און מ'האָט געמיינט אַז אָט נעמט עס חלילה, אַ סוף. איהר קאָנט נאָרנישט משיג זײַן וואָס מיט יצחק'לען האָט זיך דאַמאַלס געטהון. ער איז געווען רח"ל ווי אויפ'ן עולם-התוהו; נישט גערעדט צו קיינעם קיין וואָרט, נאָר אָפּטמאָל געוויכוח'ט זיך גאָר מיט'ן אייגענעם שאָטען. מ'האָט איהם געזאָגט: יצחק'ל. טהו אָן טלית און תפלין, דאַווען — האָט ער געדאַוועט. דאַווען מנחה — האָט ער געדאַוועט מנחה. מעריב — מעריב. אַ ל ײַ ן — גאָרנישט. ער האָט פּשוט, זײַן מ צ י א ו ת נישט מרגיש געווען!

III.

איז, אָבער, מן הסתם, אין הימעל געוואָרען אַ רעש: היתכן!... עפּעס אַ קלייניגקייט אַזאַ גדול — יצחק'ל! אַזאַ בן גדולים — דעם „זקנים" אַ זוהן, דעם מגיד הקדוש'ס אַן אייניקעל! — האָט מען אונטערגעשיקט אַ „סגי-נהור".

און דאָ איז געשעהן אַזעלכעס, וואָס איז גאָר נישט משער צו זײַן. נישט נאָר אַ נײַער דרך אין חסידות איז בעשאַפען געוואָרען, נאָר ס'איז געווען נאָהענט צו דער גאולה. ומעשה שהיה כך היה:

אין בית המדרש האָט זיך זיינט אַ פּאָר טאָג אַרומגעדרעהט אַ סגי-נהור. גאָר נישט געזעהען, מילא. ווער האָט זיך אויף איהם אומגעקיקט! מ'האָט אפילו געזעהען אַז ער איז אַן'אָבגעהיטענער יוד, נאָר ווייניג פרומע יודען האָבען זיך אין רבי'ס בית-המדרש אַרומגעדרעהט! און דערצו איז ער נישט געווען קיין גרויסער בן-תורה...

ויהי היום, ז' כסליו איז עס געווען, זיינער צעהן אויף דערנאַכט. די נאַכט איז דאַמאַלס געווען אַ מיאוס'ע; בּרודיגער, צוטרעטענער שנעע איז געלעגען אין די גאַסען און דער הימעל האָט אויסגעזעהן ווי אַן'אַלט-צעריסענער טלית אײַנגעטונקט אין בּרודיג וואַסער... אָהן שטערען, אָהן לבנה. אין בית-המדרש זענען בײַ חלבינע ליכטלעך געזעסען אייניגע אַלטע חסידים, אײַנגעבויגען איבער ספרים און איין יונגער מאַן וואָס האָט געהאַט אויף צו זײַן „אַ משמור". אין ווינקעל, אין דער טונקעלהייט בײַם אויוועז, איז געזעסען שטום, דעם קאָפּ אַראָבגעוונקען — יצחק'ל. און בײַ אַ שטענדער איז געשטאַנען דער „סגי-נהור" און געשעפּטשעט מיט די ליפּען — אַ וודאי אַ קאַפּיטעל תהילים, אָדער אַ פּרק משניות. אין בית-המדרש איז געווען שטיל, נאָר וואָס די חסידים איבער די ספרים האָבען אַ ביסעל געברומט. קיינער האָט נישט מרגיש

געווען, ווי דער סגי־נהור האט זיך אַרויסגערוקט. פּלוצלינג האָט אין בית-המדרש הויף און דייטליך אָפּגעקלונגען די ברכה פון לבנה־מחדש־זיין — פּונים הויף. אלע האָבען אויפגעהויבען די קעפּ. יצחקיל אויך...

אַלע זענען אין דער רגע שטיל געבליבען און יצחקיל האָט געקוקט גלייך.

דערווייל איז דער „סגי־נהורי אַריינגעקומען. ס׳פּנים זיינס האָט געשטראַהלט, ער האָט זיך געפּאַטשט איין האַנט אָן דער צווייטער און געזאָגט מיט התלהבות:

— אָ־וואַ... אָ־וואַ... אַ שעהנע לבנה... אָהן אַ פּיצעל פלעקעל... איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַר דער לבנה... אַזאַ לבנה...

אַלע האָבען אַ קוק אַרויס געגעבען דורכ׳ן פענסטער. אויפ׳ן הימעל — וואָלקענס אויף וואָלקענס, ווי אָנגעוואָרפענע בית-מדרש־האַנטיכער, אָהן אַ שטערען, קיין סימן פון לבנה ... דער יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ „משמור״, האָט אַ שמייכעל געטהון און געעפענט דאָס מויל, ער האָט געוואָלט זאָגען דעם סגי־נהור, אַז ער האָט געמאַכט אַ ברכה לבטלה, נאָר יצחקיל האָט אויף איהם אַזאַ קוק געגעבען, אַז יענעם איז נעבעך דער שמייכעל מיט די ווערטער אויף די ליפּען פערגליווערט געוואָרען און ער איז געבליבען שטעהן מיט אַנ׳אָפען מויל...

יצחקיל איז צו צום סגי־נהור, האָט איהם אַ רגע אָנגעקוקט און געזאָגט הויך אויף אַ קול, כמעט געשריגען:

— אמת, אַ שעהנע לבנה... נאָך קיינמאָל איז אַזאַ לבנה נישט געווען!...

און דערנאָך האָט יצחקיל געבעטען דעם סגי־נהור, ער זאָל מיט איהם אַריינגעהן צו זיך. און זענען אַוועק.

אַלע האָבען זיי נאָכגעקוקט און נישט פערשטאַנען. אַ סך האָבען דאַמאַלס געהאַלטען יצחקילען פאַר נישט איננאַנצען אויפ׳ן דעת... נאָר געפיהלט האָבען אַלע, אַז עס איז נישט פּשוט...

וואָס זיי ביידע האָבען יענע נאַכט אַ דורכגערעדט, ווייס מען עד היום נישט. דער סגי־נהור האָט עד יום מותו קיין וואָרט נישט געוואָלט זאָגען. נאָר צומאָרגען האָט דער גאַנצער „הויף״ געקאָכט.

יצחקיל איז אויסגעשטאַנען אַ פרישער, אַ מונטערער, מיט שטראַהלענדיגע אויגען. מיט איין וואָרט, איננאַנצען אַנ׳אַנדערער. זייגער צעהן האָט מען אויפגעפּראַלט דאָס „שלום־שטיבעלי: דער רבי נעמט שוין צוריק אָן!... אין דעם „זקנ׳ס״ הייליגען פּנים האָט מען נישט געקענט אַריינקוקען — אַ זון איז עס געווען, די שמחה האָט דערויף געשיינט. און דער „הויף״ האָט צוריק אויפגעלעבט. דער עולם האָט געוואָלט דערגעהן די סבה, האָט מען זיך גענומען צום סגי־נהור. נאָר דער האָלט אין איין טענה׳ן: נ׳ווייס נישט! און מ׳האָט געמוזט וואַרטען ביז שבת צום „טיש״. דאַמאַלס איז מען זיכער געווען, וועט מען עפּעס דערגעהן.

כך הוה.

שבת נאָך די פיש רופט זיך אָן דער „זקן״ ז״ל צו יצחקילען:

— יצחקיל, זאָג דו היינט תורה...

יצחקיל האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען:

— דער סוד פון אַלע סודות, די נשמה פון דער וועלט איז דמיון... די אמת׳ע גאולה וועט נאָר זיין בדמיון... אַלע מענשען באַשאַפען דמיונות; דער צדיק

זעהט בדמיון די שכינה, דער רשע — א נאקעטע אשת־איש, חס ושלום ... דער וואס האט אנ'אפען אויער, קאן הערען דאס שוועבען פון דמיונות אין דער לופט; דאס זענען פערבלאנדזשעטע דמיונות, פון גוטס און שלעכטס צוזאמען געמישט. זיי קאנען צו זייער מקור נישט צוקומען, און ווארטען אויף זייער תיקון דורך א גרויסען דמיון פון א צדיק...

דער מקור פון שלעכטס, דער קוואל פון עצבות זענען די אויגען פון מענש: ס'פערבענקט זיך א מאל א מענש, אין א פערוואלקענטער נאכט נאך א ריינער לבנה.. אדער, געהסט אין גאס, און ס'ווילט זיך דיר זעהן א ים, גרויסע פאלאצען, אדער א מילגרוים נאר — א קשיא, וואס א מענש קאן זיך אליין פערגלוסטען פונ'ם רבונו של עולם'ס וועלטעל! צי נאר אנ'אלטען פארצייטישען שלאס... א וואלד!... דיינע אויגען רעדען, אבער, צו דיר א.ז. א גראבער, עם־הארצ'ישער שפראך:

נישטא... אט זענען הייזלעך, רינשטאקען און פראזטע, שווארצע ערד...

דיין הארץ קלעמט דיר אבער, קוקסט ארויף צום הימעל:

— גוואלד, רבונו של עולם, כ'וויל א וואלד...

און פארוואס נאר א וואלד? און אז כ'גלוסט זיך צו צעררייבען א בארג אויף פיצלעך, א וואלקען זיך פון הימעל אראבנעהמען, אדער זעהן גאר אנדערע הימלען, נישט בלויע, נישט גרויע, נישט רויטע — פון אזא קאליר, וואס די אויגען האבען נאך נישט געזעהען און קענען נישט. קומען, אבער, די אויגען צו געהן און זאגען, אז ס'איז א משוגעת... און די אויגען דערצעהלען דיר, אז דו ביזט א ווארם, אז די הימלען זענען הויך, אז ווען דער בארג זאל דיך צודעקען, מאכט ער פון דיר א גל של עצמות. נידריג מאכען די אויגען, שפלידיג דיך און מיאוס גאטס וועלט, וואס ארום דיר...

האסטו, אבער, א דמיון, איז געניג א בית־המדרש ווינקעל בין השמשות; דו שליעסט די אויגען צו, און בדמיון קענסטו דיר א זעלכע הימלען בעשאפען, וואס קיין אויג קאן עס נישט דערזעהען... קענסט זעהן ס'בית המקדש פאר'ן חורבן.. גילוי שכינה האבען!...

די גאנצע גרויסקייט פונ'ם רבונו של עולם, כביכול, איז דאס, וואס די אויגען זעהען איהם נישט, נאר דער דמיון... דער כביכול איז דער סוד פון דמיון, און זיין גרויסקייט און שטארקייט איז לויט'ן כח פונ'ם מענש'ס דמיון...

דאדורך איז דער רבונו של עולם ביי איינעם א גוטער פריץ, וואס שענקט געניג קעז און פוטער פאר ווייב און קינד, און ביים צווייטען — דער בעשעפער פון ים און הימעל, וועלדער און נישט געזעהענע וועלטען...

די מדרגה פון צדיק, איז לויט דער מדרגה פון זיין דמיון...

כגי־נהור! — האט ער א געשריי געגעבען צום בלינדען יוד, וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל — אמת, דינסטאג איז א שעהנע לבנה געוועזען?!

— א שעהנע לבנה... א שעהנע לבנה... האט יענער געקלאפט מיט די ליפען.

— ווי האט זי אויסגעזעהען?

— כ'קאן נישט אב'משל'ען... גרויס, ליכטיג... אזוי שעהן... כ'קאן נישט אב'משל'ען...

— ניִשט נאָר דעם דיִענסטאָג, ווען ס'האָט געֶרעֶנעֶנט — האָט יצחק'ל אויכגעֶשריִגעֶן צום „עולם", און יעֶדעֶס וואָרט איז פֿון זיַין מויל אַרויס ווי אַ גליִהעֶנדעֶ פֿיַיל — האָט איהר זיַין לבנה ניִשט געֶזעֶהעֶן, קיינמאָל וועט איהר זי ניִשט זעֶהן!... ניִשט בחנם רופֿט איהם די וועלט: „סגי־נהור", דער גרויסער זעהער, איהר מוזט די לבנה זעֶהן מיִט די אויגעֶן, זיַין לבנה איז פֿאַר אייך ניִשט בעֶשאַפֿעֶן געֶוואָרעֶן — ער זעהט זי בדמיון — ניִשט קיין געֶלעֶ ליִכט, נאָר ג־ר־ויס... ליִכ־טי־ג... האַ, סגי־נהור? —

— גרויס... ליִכטיִג... — האָט יעֶנער זיך געֶפֿרעֶהט — אַזוי שעֶהן... אַזוי שעֶהן... אַך, רבונו של עולם!...

מ'האָט דערקעֶנט, אַז דעם בגי־נהור'ס ווערטער געֶבעֶן פשוט אַריַין אַ חיות יצחק'לעֶן; ער האָט געֶרעֶדט נאָך מיִט מעֶהר התלהבות:

— די אויגעֶן פֿונ'ם מעֶנש זעֶהעֶן זומפֿעֶן און מיִאוס'עֶ ערטער, דער דמיון איז אלהות...

ס'איז אַ מאָל פֿאַרהאַן, אַ מעֶנש זיִנדיגט, טהוט אַנ'עבירה — בדמיון קאָן עס גאָר זיַין די גרעֶסטעֶ מצוה. און דאָס איז ס'עניַין פֿון „גדולה עבירה לשמה"; די עבירה טהועֶן די הענד, דער דמיון אָבער טהוט אַ מצוה...

און מיִט יעדער רגע, וואָס ער האָט געֶרעֶדט, האָט ער זיִך אַלץ מעֶהר און מעֶהר צעֶפֿלאַמט, די אויגעֶן זעֶנעֶן געֶוואָרעֶן לפּידים און מ'האָט געֶזעֶהעֶן אַנ'אמת'עֶן נר אלהים איִן זיי, און ער האָט וויַיטער געֶרעֶדט.

— די אמת'ע גאולה וועט קומעֶן דאַמאַלס, ווען אַלעֶ יודעֶן וועֶלעֶן זיך בעֶפֿריַיעֶן פֿון די משפּיל'דיִגעֶ אויגעֶן, און אַלעֶ וואָס זעֶנעֶן בעֶשאַפֿעֶן בצלם אלהים וועֶלעֶן דערגריַיכעֶן צו דער העֶכסטער מדרגה פֿון דמיון...

און פֿיִעל נאָך, זעֶהר פֿיִעל האָט יצחק'ל יעֶנעֶם שבת געֶרעֶדט, און יעֶדעֶס וואָרט האָט כגלה געֶוועֶן אַנדערעֶ סודות, טיִעפֿעֶ ווי דער ים.

ווער ס'איז יעֶנעֶם שבת ביַים טיִש ניִשט געֶוועֶן, קאָן ניִשט וויִסעֶן, וואָס ס'היַיסט אמת'עֶ התלהבות, שמחה של קדושה; עֶפּעֶס אַ גרויס ליִכט איז מיִט אַמאָל אויף אַלעֶ און אַלץ אויסגעֶגאָסעֶן געֶוואָרעֶן! דורך די גרויסעֶ בית־מדרש שויבעֶן, געֶדעֶנק איך, האָט די זון אַ שטראַהלענדיִגעֶ וואַרעֶמקייט אַריַינגעֶפֿלאָסעֶן — מ'האָט ממש געֶפֿיִהלט, אַז אויך איִן היִמעֶל איז מעֶן זיך משמח מיִט אינזער שמחה... אויפֿ'ן „זקן'ס" פּנים האָט געֶרוהט אַ חדוה, אַנ'אמת'עֶ פֿריידע. נאָך קיינמאָל האָט מען ביי איהם אַ זעלכעֶ אויגעֶן ניִשט געֶזעֶהעֶן — דאָס זעֶנעֶן געֶוועֶן הבדלות, ישטערעֶן, גליִהעֶנדיִגעֶ, פֿלאַמעֶנדיִגעֶ!... נאָך יצחקל'ס תורה האָט זיך דער „זקן" פֿונ'ם „שטוהל" אויפֿגעֶכאַפּט, געֶפּאַטשט איין האַנד אָן דער צוויַיטער און געֶזונגעֶן אָט דאָס זמר'ל:

גאָט וועֶלעֶן מיר דיִענעֶן,
דיִענעֶן וועֶלעֶן מיר אַ וודאי —
מיר וועֶלעֶן דיִענעֶן,
מיר ווילעֶן דיִענעֶן,
אָבער ניִשט ווי אַ גולם —
הדן יחידי לבאי עולם...

אי, יענ'ץ זינגען ... ס'איז גאר אנ'אנדער מין געזאנג געווען — דאס איז געווען שירה!

די טישען זענען צערוקט געווארען, די הענד האבען זיך צוזאמען געקייטעלט, און ס'איז געווארען א ראד, אנ'אמת חסידיש ראד פון יודען מיט אנגעצונדענע אויגען... און דאס ראד גערט אין טאנץ — אינמיטען שטעהט דער „זקן“ מיט יצחק'לען און דער „זקן“ זינגט:

גאט וועלען מיר דינען...

און דער עולם, דאס לעבעדיגע ראד, ענטפערט מיט פייער:

דינען וועלען מיר אודאי...

און פון אלע הערצער ווערט איין הארץ, פון אלע נשמות — איין נשמה... יצחק'לס פנים שטראהלט, און די זון, דורך די גרויסע בית־המדרש שויבען גיסט ליכט, גאנצע פאליעס ליכט...

יענע טעג זענען די גרעסטע געווען אין „הויף“ — יצחק'ל איז ארומגעגאנגען שטענדיג מלא שמחה. און אין זיינע אויגען האט מען דערקענט, אז ער טראגט אין הארצען עפעס גרויסעס. און דער גאנצער עולם איז דאמאלס געווען שטארק איינגעווארצעלט אין גלויבען און אין האפנונג. ס'האט זיך אפילו געמאכט שטיקלעך מחלוקת צווישען איידעמ'ס און שווער'ס, זוהן און פאטער'ס, דען מיר, דאס יונגוואר, האט זיך גלייך געהאפט צום נייעם דרך. און מיר האבען אנגעהויבען ארומצוגעהן טאקי אויפ'ן עולם הדמיון... טייל פון אונז האבען זיך אפילו אנגעהויבען די אויגען צו צובינדען ... די „אלטע“ האבען געשריגען, אז אזעלכעס איז נאר בעשאפען פאר א גדול ווי יצחק'ל, אבער נישט פאר יעדען בשר ודם. און ס'האט זיך דערפון געמאכט גרויסע מחלוקת. נאר ס'האט נישט געשאדט — דאס איז געווען מחלוקת לשם שמים ...

וואס זאל איך אייך מאריך זיין? מיר האלטען איצט ביי אזעלכעס, וואס ס'איז „אין הפה יכול לדבר“ — מ'איז עס נאר נישט אימשטאנד צו דערצעהלען מיט ווערטער; דאס האט מען געמוזט אליין זעהן, און נישט נאר זעהן, נור מרגיש זיין, ממציא זיין. מ'האט עס געמוזט אדורך נעמען מיט אלע חושים, מיט דער נשמה און מיט אלע רמ"ח אברים, און דער עיקר טאקי — מיט'ן דמיון!

מיט וואס דען קען מען פערשטעהן דמיון, אז נישט מיט'ן דמיון?!

און דער דמיון האט דאמאלס געלעבט אין „הויף“, מ'האט איהם ממש געזעהען, מ'האט געפיהלט ווי דער דמיון פלאטערט צווישען די ווענד, שוועבט אין לופט. און בייגאכט האט דער גאנצער „הויף“ אויסגעזעהן, ווי פערהאנגען מיט א דינטשיקדינעם געוועב — א דמיון־געוועב.

ני, וואס ווילט איהר, אז אזעלכע זאכען זאל איך אייך קענען מיט'ן מויל דערצעהלען? דאס מוז מען מיט'ן דמיון דערפיהלען!

איך אליין פערשטעה שוין היינט נישט די זאך אזוי, ווי כ'האב עס דאמאלס געזעהן, ווי דורך א חלום נאר שוועבט פאר מיר דאס אלץ ...

אט, געדענק איך איינמאל פארנאכט:

מיר זענען אלע ארויסגעגאנגען אין פעלד ארייין מיט יצחק'לען בראש. יצחק'ל האט אנגעהויבען רעדען, צוערשט פלאמיג, א וואָרט — א בליץ! דערנאך איז דאס

קול געוואָרען שטילער, שטילער, ענליך צו אַ לײַכט ווינדטעל, וואָס שוועבט אַדורך די בוימער:

— „מענשען", ווייסען נאָר הימלען — בלויע, וואָלקענס — גרויע, ווײַסע, אַ זון — אַ העלע, וואָס בלענדט די אויגען. הימלען — זיבען, אין וועלכע „ס'וואוינט" דער כביכול. אַז מ'וויל, זעהט מען אָבער אַנדערע הימלען, אַנדערע, ווײַכע, פֿון אַנ'אַנדערער קאָליר, וואָס האָט קײַן נאָמען נישט ... אַנדערע וואָלקענדלעך ... אַנדערע... צווישען וועלכע די שכינה שוועבט, פֿול מיט רחמים און ליבשאַפֿט ווי אַ טויב... מיט אויגען שטילע, וואָס קושען מיט קדושה, ווי ר ח ל ' ע ס אויגען ...

און ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז האָט יצחק'ל די אויגען געשלאָסען און מיר אַלע נאָך איהם און־מראות האָבען זיך באַוויזען; טויזענדער רענענבויגענס, געדענק איך, האָבען מיר פֿאַר די אויגען געבליצט, ציטערדיגע געבלען האָבען זיך אַרום מיר געוויגט, און הימלען רחמים'דיגע, דינע ווי זײַדענע פּרוכת'ען פֿון גאָר אַנ'אַנדערע קאָליר — נישט בלוי, נישט רויט, נישט גרין, נישט גרוי און, אַלץ צוזאַמען — האָבען מיך אַרומגעהילט ... איך בין בטל געוואָרען — נישטאָ קײַן גוף מיט גשמיות'דיגע הענד און פֿיס. דאָס איז נעלם געוואָרען ... געבליבען איז נאָר מײַן תמצית, מײַן נשמה, ווי אַ לײַכט ווינדטעל איז פֿון מיר געוואָרען אָדער אַ וואָלקענדעל, און פֿרײַ שוועב איך אַרום דער שכינה כביכול, וואָס קוקט אויף מיר מלאה אהבה ...

און דאָס, דאַרפֿט איהר וויסען, אַז מיר זענען נישט געשטאַנען אויף איין אָרט — מיר זענען געגאַנגען מעלה, מעלה, דער דמיון האָט געשטיגען ביז צו גאָר אַ הויכער מדרגה, אַ ביסעל נאָך צו הויך ... מיר האָבען עס דעמאָלט נישט פֿערשטאַנען, חאָטש דער „זקן" ז"ל האָט עס געזאָגט יצחק'לען ... דער סוף ערשט האָט בעוויזען, ווי ווײַט יצחק'ל אַליין האָט פֿערבלאָנדזשעט ... נאָר לאָמיר געהן כסדר.

IV.

ווײַבאַלד איהר זענט נאָר נישט קײַן בהמות, קײַן גראָבע חומר'ס, קענט איהר פֿערשטעהן, אַז יענע טעג זענען געווען די בעסטע און די העכסטע, וואָס אַנ'אמת'ער חסיד קאָן זיך נאָר פֿאָרשטעלען — מיר האָבען זיך גע'טובל'ט אין אור החמה און קײַן שאָטען אפילו פֿון עצבות האָבען מיר נישט געזעהען, און באמת, פֿאַרוואָס האָבען מיר אַמאָל געוואָלט זײַן אין עצבות? אַז אַלץ, וואָס מיר האָבען פֿערלאַנגט, האָבען מיר געהאַט, וואָס נאָר דער שכל האָט געקענט משיג זײַן און נאָך מעהר האָבען מיר זיך בעשאַפֿען. אַ זונה, אַ חטא, אפילו דער קלענסטער סיג איז געווען בגדר הנמנע, אוממעגליך. דען דער ד מ י ו ן איז שטענדיג געווען אַ ג ו ט ע ר, אַ מצוה'דיגער ... וואָס דאַרפֿט איהר מעהר: אפילו אַזאַ זאַך, ווי דאָס ענין „נשים", האָט אַנ'אַנדערע צורה בעקומען — דער גדר איז אַוועקגעפֿאַלען, דען דער „בעל־דבר" האָט דאָ גאָרנישט געהאַט וואָס צו טהון ... דאָס ענין איז טיעף און מ'מוז עס קענען פֿערשטעהן. — בּ ד מ י ו ן, פֿערשטעהט איהר, קאָן פֿון אַ בתולה, אָדער אפילו אַנ'אשת־איש . . . נאָר דאָס איז נישט פֿאַר אײַך — לאָמיר געהן ווײַטער. קורץ, מיר זענען געווען נאָהענט צו דער הויכער מדרגה — שותפים למעשה בראשית.

דערווײַל מאַכט זיך אַ מעשה. אײַנמאָל, דינסטאָג אין דער פֿריה, געהט יצחק'ל פּלוצלינג אַרײַן צום „זקן" ז"ל, און איז איהם מודיע, אַז ער מוז זיך גט'ען מיט

אסתר׳לען. דער „זקן" האָט געזיפֿצט: „כ׳האָב געוואוסט דעם סוף ... ביסט צו ווייט פֿערקראָכען, יצחק׳ל ... און האָט איהם געוואָלט איבער׳שטעה׳ן, נאָר יצחק׳ל איז געשטאַנען אויף ס׳זייניגע, ווי אַנ׳עמוד ברזל: כ׳טאָר נישט מיט איהר וואוינען — האָט ער געטענה׳ט — אַז כ׳טאָר נישט! ... און ס׳האָט זיך געמאַכט אַ שטיקעל מחלוקה צווישען יצחק׳לען מיט׳ן פֿאָטער, מיט׳ן „זקן", נשמתו עדן ...

יענעם פֿאַרנאַכט איז יצחק׳ל מיט אונז אַרויס אינ׳ם וועלדעל אַריין, ס׳איז געווען די צייט פֿון בין־השמשות. פֿון מערב־זייט האָט צו אונז גלייך אַריינגעקוקט אינ׳ם וועלדעל אַריין אַ פֿייערדיגער הימעל, וועלכער האָט זיך פֿון רגע צו רגע געלאָשען און געוואָרען צו ערשט געלבלעך, דערנאָך בלאַסער און בלאַסער. דער גאַנצער וואַלד איז געשטאַנען איינגעטונקט אין מרה־שחורה. און די מרה־שחורה איז אַזאַ טיעפֿע געווען, אַז אפילו דעם דמיון איז שווער געווען זיך מתגבר צו זיין אויף איהר. ערגעץ אויף אַ בוים האָט אַ פֿויגעל זיך ממש צעוויינט ... אַ ציטערניש האָט אונז אַלע אָנגעהאַפּט – מיר האָבען נאָך אַזאַ בין־השמשות קיינמאָל נישט געזעהען ... מיר האָבען אַ קוק געטהון אויף יצחק׳לען – זיין פּנים איז געווען בלייך ווי אַ ריינער קיטעל, און די גרויסע אויגען האָבען אויסגעזעהן ווי קלאָ־רע פֿענסטערלעך, ווען דער בלויער פֿריהמאָרגען הויבט אָן דורך זיי צו קוקען ... זיין דמיון האָט זיך יאָ מתגבר געווען אויף דער וואַלדישער מרה־שחורה און ער האָט אָנגעהויבען מיט אַ שטיל קול:

– מילא, דער טאַטע פֿערשטעהט מיך נישט, דערפֿאַר איז ער דאָך דער „זקן", מאריך ימים זאָל ער זיין ... איהר דאַרפֿט מיך יאָ פֿערשטעהן, תלמידים מיינע, וועל איך אייך אַלץ דערצעהלען:

אַז רחל׳ע איז נסתלק געוואָרען, האָב איך חושד געווען, אַז ס׳איז חלילה, כל כל הקיצין. בסוד וועל איך אייך זאָגען, אַז כ׳האָב דאַמאָלס זעהר פֿיעל געקלערט וועגען דעם ענין פֿון „מאַבד עצמו לדעת"... איך האָב דאַמאָלס נישט געוואוסט, אַז באמת איז זי נישט געשטאָרבען, און דאַדורך האָב איך מיך געלאָזט חתונה מאַכען. נאָר היינט פֿערשטעה איך די זאַך: ר ח ל ׳ע איז גאָרנישט נסתלק געוואָרען. אדרבה, זי איז געקומען צו אַ העכערער מדרגה, און איך וואוין מיט איהר ווייטער ווי מיט אַ כשר׳ען זיוג. ב ד מ י ו ן זענען מיר אַ זיוג. שטענדיג איז זי ביי מיר. אַוועקגענומען האָט מען נאָר איהר גוף, אָבער נישט איהר נשמה, איהר ד מ י ו ן. יתר על כן, נאָך מעהר, איך זעה אפילו איהר גוף, איהרע כשר׳ע אויגען, איהר הייליג פּנים. אָט, למשל, נעכטען פֿאַרנאַכט בין איך אויף דער סאָפּקע געזעסען, אין דער שטוב איז געווען טונקעל. לייכטע, דינע וואָלקענרלעך, האָבען זיך דורכ׳ן פֿענסטער אין צימער אַריין געצויגען, און שטיל איז געווען, ס׳האָט זיך נאָר געהערט אַ קול דממה דקה. איך האָב דאַמאָלס עוסק געווען אין ענין „שכינתא בגלותא", און געפֿיהלט האָב איך און געזעהען האָב איך דאָס שטילע געוויין פֿון דער שכינה, וואָס ברומט ווי אַ טויב אויף איהרע פֿערוואָגעלטע זיהן, וואָס זינקען אין „טיט היון", און וועלכער די משפיל׳דיגע אויגען פֿיהרען זיי. און דאָס וויינענדיגע ברומען האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר איבער מיין חדר׳על צוטראָגען, און אַ גרויס בענקשאַפֿט און אַ טיעף רחמנות האָט מיך אַרומגענומען אויף דער שכינה, כביכול, און ס׳האָט מיך ביים האַרצען פֿערקלעמט און כ׳האָב אָנגעהויבען וויינען... פּלוצלינג, האָט זיך מיר דורכ׳ן פֿענסטערל בעוויזען רחל׳עס הייליגע פּנים, איינגעהילט איז זי געווען אין אַ לייכטען וואָלקען פֿון בלויען פלאַם... און פֿונ׳ם

וואָלקען אַרויס, האָבען אידרע אויגען געקוקט, די אַ
משפיל, וועלכע זעהען אַזוי טיעף, ווי אונזער דמיון
זי זיך צו מיר דערנעהנטערט, שטיל, ווי אין חלום
לייכט, לייכט האָט זי מיר די טרערען פון די אוי
און די שכינה געטרייסט... דערנאָך האָט זי מי
דערנאָך... נאָר דאָס איז נישט צו דערצעהלען,
געלם געוואָרען איז זי ערשט, ווען אין פענסטי
אַ ווונק געטהון, און זי האָט געמוזט צוריק

און אַזוי איז עס יעדע נאַכט, אַפילו
עס אויך, נאָר... נו פערשטעהט איהר דא
כ׳בין יעדע רגע עובר אויף „חרם דרבינו

און פיעל, זעהר פיעל האָט יענע
סוף, ווען מיר האָבען זיך אויפגעשטט
בערופען: קיין זאַך קאָן נישט היי
עובר זיין אויף „חרם דרבינו גרי
טאָר נישט גט׳ען ... זי: פ
זי לעבט, זי לעבט מיט

אַז מיר זענען פי
ווי צוויי שוואַרצע פלי
בעזעסען, איך האָב ע
זאַך געהיטען, און ווי
געשעהען, די נאַכט י

צו מאָרגען אי
האָט געשריגען, אַז
אין אָנהויב
וואָכען נאָכ׳ן גט א
דחל׳ע, נאָר דער י
נישט קיין דבר
ווי אסתר׳ל י

סט, ווי פערגליווערטער שימעל. די הימלען האבען
האט זיך געפיהלט עפעס טרויעריגעס, ווי איבער
ווארען אנגעזאגט דער וועלט. און אז כ'בין אין
ערועהן, דעם פרוש. ווען ס'זעהט איהם אנ'עס־
רוחות, וואלט ער געזאגט, אז דאס איז דער
די נאכט האט אנגעטראגען: א הויכער, א
שט שווארץ און נישט רויט. א לאנג, דאר
, אהן איין קנייטש, וואס האט אויסגעזעהן
פון דעם שטערען געגלאנצט. און צוויי
שטיינער. געזעסען איז ער איבער א גמרא.
האב איהם געגעבען „שלום", האט ער
און זיך וויטער געשאקעלט איבער
ער איז, האט ער א ברום געטהון
יטער געשאקעלט איבער דער

" איז זיך צוזאמענגעקומען
ער דער גמרא ...
אלט ביים שטארבען...
ארצען — דער פרוש

דא, נאך וואס איז
: קיין ווארט נישט —
שיגען טאג, ווען פון
שטעהט ווי א נ'אוהל
קענדיג אויפ'ן בית־
פריה ברויט מיט
ווער ער איז.

דאס איז„
נישט—

יה־

געשעפּטשעט: אַזאַ הדר... אַזאַ הדר... אַז יצחק'ל האָט געזאָגט, אַז מ'וואַרט אין הימעל אויפ'ן סגי־נהור'ס ברכה... דעם שענסטען אתרוג האָט דער „סגי־נהור"— האָט יצחק'ל געזאָגט.

ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער טאָג סוכות צו הלל. אויפ'ן „סגי־נהור'ס" פּנים איז אַ גרויסע ליכט געלעגען. מיט ציטערדיגע הענד האָט ער גענומען דעם אתרוג, געדרעהט איהם אַהין און אַהער, ווי ער וואָלט איהם בעקוקט מיט זיינע בלינדע אויגען און געשעפּטשעט איינגאַנצען פלאַטערנדיג:

כ'דאַנק דיר, רבונו של עולם. אַזאַ הדר... אַזאַ הדר... מיט וואָס האָב איך זוכה געווען צו אַזאַ שעהנעם אתרוג!...

יצחק'ל איז געשטאַנען פון דערווייטען און געקוקט, און זיין גאַנצער גוף האָט געציטערט פאַר שמחה...

דער סגי־נהור האָט זיך גרייט געמאַכט און אָנגעהויבען זאָגען די ברכה, און יעדעס וואָרט האָט געהאַט אין זיך אַ לעבען, אַ נשמה:

ברוך אַתה...

פּלוצלינג גיט אַ קום־אונטער דער פּרוש, גיט אַ בויג איין אין דער העלפט זיין לאַנגען, דאַרען גוף און זאָגט צום „סגי־נהור" מיט זיין אויסגעטרוקענט קול:

— רב יוד, איהר טאָרט נישט מאַכען קיין ברכה איבער'ן אתרוג — דער פּטום איז אָבגעבראָכען!

ווי אַ קאַלטער ווינד איז אַ דורך דעם בית־המדרש...

דער „סגי־נהור" האָט זיך צעוויינט:

— איצט ווייס איך, אַז כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען קיין מצוה נישט געטהון — האָט ער געהעשעצט.

אין צוויי טעג אַרום נאָך האַלבער נאַכט, איז ער געשטאָרבען הינטער'ן בית־מדרש אויבען, ווען דער פּרוש האָט זיך געשאָקעלט איבער דער גמרא...

יצחק'לס סוף ווייסט איהר דאָך אַוודאי; ער איז נעלם געוואָרען און מ'האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהין געקומען. די חבריא אונזערע, איז שוין נתפזר לכל רוח געוואָרען. אַ סך פון זיי זענען געבליבען שטענדיגע מה־שחורה'נ יקעס, אַ טייל נאָך ערגער. חייקעל, דער גרעסטער פון אונז, איז, רחמנא ליצלן, אינגאַנצען אַראָב פון וועג, און איז געוואָרען אַ שכור...

ערשט אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, אין אַ ווייסער ווינטער־נאַכט ביי אַ לויה, האָט מען יצחק'לען געפונען ליגען אַ פערשטאַרטען אויף רחל'ס קבר. ווי לעבעדיג האָט ער אויסגעזעהען. די הענד האָבען אַרומגעקלאַמערט דעם קאַלטען שטיין, און אויפ'ן שפּיץ פון דער מצבה, איז געשטאַנען אַ קראָה...

חייקעל שיכור.

(אין פינף מאָנאָלאָגען).

אין א ניכטערען מאמענט.

...העדהע, גוטער ברודער, ביזט זיך גאר טועה, אזוי זאל איך לעבען! ווילסט פערגלייכען א גלעזעל בראנפען צו קארטען־שפילען? א טעות, בנאמנות!

שוטה! קארטען שפילען, זעהסטו, איז באמת נאר בעשאפען געווארען פאר א נאר; לייגסט אריין „קלינגערס“, טויטע מטבעות, אין קאהן אריין, קריגסטו גוטע קארטען — געווינסטו א פאר מטבעות, קריגסטו שלעכטע — פערשפילסטו א פאר טויטע מטבעות. פע! — דאס איז דאך קינדער־שפיעל... א גלעזעל בראנפען זעהסטו, איז שוין גאר אנ'אנדערע מעשה... דו קענסט עס נישט פערשטעהן, הלמאי דער בעל־עגלה, למשל, קען נישט פערשטעהן דיין פערגעניגען ווען דו זינגסט דעם „קאזעניצער ניגון“!.. נאר גלויב מיר, גרויס איז דאס פערגעניגען פון אנ'אמת גלעזעל משקה! און טאמער מיינסטו, אז דער תענוג איז דאס, וואס דער מאגען איז צופרידען — האסטו א טעות...

דו האסט דאך מיך י ע צ ט נישט אין וואס חושד צו זיין — כ'האב נאך היינט נישט געטרונקען — נאר כ'זאג דיר, אז טרינקען איז די העכסטע מדרגה, צו וועלכער א נ' א מ ת י   ע נ ש קאן דערגרייכען.

געהסט אמאל אין דער נאס און זעהסט ליגען א שיכור אין דער בלאטע קלעהרסטו: ווי טיעף געפאלען איז דער מענש!.. ביזט זיך, אבער טועה; דער מענש איז נישט געפאלען, ער איז נישט קיין יורד, ער איז אייגער פון די געצעהלטע, וואס האבען די זכיה געהאט צו פיהלען דאס ריין־זיסע פון לעבען אהן שום ביטער פערבראקעכטץ...

ווי אזוי לעבט דען א ניכטערער מענש פון אונזער סארט? בענקט צו אליץ און דערגרייכט ג א ר נ י ש ט; וו י ל ער אמאל א פויסט מאכען, פיהלט ער, אבער, אז ער איז א ווארם; נעמט ער אמאל צו די הימלען קוקען, פיהלט ער, אז ער איז צו דער ערד געבונדען... וויל ער אמאל א שענעם חלום חלומ'ען, רייסט איהם דער בעקער, דער שוסטער איבער...

טרינק איך זיך, אבער, אן, מיט א פאר גלעזלעך פינף און ניינציגער, פאלען פלוצלינג פון מיר די שווערע קייטען אראפ. מיר ווערט מיט אמאל די ערד פון אונטער די פיס פערשוואונדען. די לבנה קושט זיך מיט מיר... און די גאנצע וועלט איז אין מיין רשות ווי א בייגעל... אט, האפ איך זיך אדויף צו די וואל־קענס, שפרינג אריבער די גרעניץ, און בין אין גאט'ס וואהנונג — אין די הימלען... אט, שפיעל איך זיך מיט די שטערען... אמאל, שפאלט איך דעם ים... און חלומות שפראצען אין קאפ און וואקסען און פליהען ווי די פייגעל. דאמאלס ווייס איך ערשט, וואס א י ך בין!.. איך בין זיכער, אז מיט איין פויסט מיינעם צורייב איך

דאַמאָלס פֿעלןען, צומאָהל בערגער און מאַך פֿון אַלץ אַ תהו ובוהו... איך בין אימ־שטאַנד מהריב צו זײַן וועלטען און אויפֿצובויען וועלטען, איך סוד'ה זיך מיט די ווינדטען און כ'פֿערשטעה דאָס לשון פֿון די בוימער און בלומען... און נעה איך צו די בערגער, האָב איך קפֿיצת הדרך, און זיי, די גרויסע בערגער, בוקען זיך פֿאַר מיר און נעהמען מיך אויף זייערע שפּיצען אַרויף... און אָפּטמאָל, גיט דער רבונו של עולם אַליין, נישט קיין קלײנעם ציטער — ער פֿיהלט מײַן כח; ער ווייס, אַז איך בין נישט בערי"ל שמש, מיט מיר וועט ער זײַנע קונצשטיק נישט מאַכען!..

ווילסטו דאָך אַ ודאי פֿערשטעהן דאָס ענין, טאָ, זײַ־זשע מוחל, זעץ זיך אַנידער און לעג, צו דאָס גאַנצע ביסעל מח, וואָס געפֿינט זיך אין דײַן קעפּעל...

די מקובלים זאָגען, אַז דער מענש איז אַ"עולם קטן", אין'ם מענש געפֿינט זיך אַ קליין וועלטעלע, און איך זאָג דיר, אַז אָט אין דאָס קליינע בריאָה'לע מענש, זענען פֿאַרהאַן מיליאָנען, מיליאָנען גרויסע וועלטען... יתר על כן, נאָך מעהר, דער מענש איז אימשטאַנד צו זײַן אַ גאָט איבער די אַלע וועלטען; שטעל זיך פֿאָר עפּעס אַ קלייניגקייט דאָס, וואָס דער מענש האָט אַ לב חומד, אַ האַרץ וואָס גלוסט?... צי פֿערשטעהסטו די בעדייטונג פֿונ'ם וואָרט גלוסטען?! מיט אַנ'אמת גלוכבען איז דער מענש אימשטאַנד זיך הימלען צו בעשאַפֿען, אַזעלכע הימלען — עין לא ראתה!...

און הײַנט, ערשט דער חוש השמיעה! ווען דער מענש זאָל אַלץ הערען, וואָס ער איז אימשטאַנד צו הערען, וואָלט ער דערהערט דאָס טיעפֿע זיפֿצען דאָס שטילע געזאַנג פֿון דער וועלטס נשמה... וואָס ווייסטו דען, וואָס פֿאַר אַ קולות, טענער ניגונים און מעלאָדיען יעדעס גרעזעל, יעדעס צווייגעל גיט אַרוים פֿון זיך! אפֿילו דעם קנאַל פֿונ'ם דונער הערט איהר אויך נישט ריכטיג, ואין צריך לומר, די שטילע נשמה־ניגונים פֿון די טייכלעך, הערסטו דאָך אַ ודאי און אַ ודאי נישט!...

יעצט, וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָבען די אויגען פֿונ'ם מענש! אַ מענש קאָן אַזוי פֿיעל זעהן. אַזוי פֿיעל זעהן... זעהסטו דען ריכטיג, ווי דער בליטץ קוקט אוים?!... ווען אַ מענש וואָלט זעהן וואָס ער איז אימשטאַנד צו זעהן, וואָלט ער אַמאָל געקענט געפֿינען דעם גרויסען סוד, דעם תכלית פֿון דער בריאה. אפֿילו אין די אויגען פֿון אַנ'אשת־איש... אפֿילו ווײנען, ווײנסטו דאָך נישט ווי מ'דאַרף; דו ווײנסט דאָך נאָר ווען ס'טהוט דיר וועה, ווען עמיץ קנײפּט דיך! צי ביסטו אָבער מסוגל צו ווײנען פֿון אמת'ע מתיקות... אַז דײַן האַרץ זאָל ווערען אַ מעין אין־סוף, אַ אונעגדליכער קוואַל?...

ווען אַ מענש זאָל הערען, פֿיהלען, זעהן און גלוסטען דאָס, וואָס ער איז אימשטאַנד, וואָלט ער געקומען צו דער מדרגה פֿון אלהות!...

וויל דאָך, אָבער, דער רבונו של עולם זײַן אַ שליט בעולמו, אַ דן יחידי — גיט ער אַ געשריי: לא תחמוד, מ'טאָר נישט גלוסטען!... און הערען מוז מען איהם — ער איז אַ גבור ונורא!...

צום חוש השמיעה פֿונ'ם מענש האָט ער אויך אַנ'עצה געפֿונען: ער האָט איהם מיט באַהגען מזכה געווען, מיט פֿערד און וועגען, וועלכע פֿערטויבען איהם די אויערען מיט זייערע שטענדיגע רויהע קולות... און פֿאַר די אויגען האָט ער איהם

פיעל זומפען, בלאָטעס און מקוה'ס בעשאַפען... און צו דאָס אַלץ האָט ער איהם מזכה געווען מיט תרי"ג מצות און תרפ"ט סיגים, און אָנגעזאָגט דערצו: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם — קוק ניט וויל די כהנים דוכנ'ען!...

און אַזוי אַרום ביסטו אַ ניעבעך געבליבען, גאָרניט געהער דיר: ניט די אויגען, ניט די אויערען, פוג'ם האַרץ איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו רעדען!...

„ער", זכרונו לברכה, האָט עס אַפילו געפיהלט און האָט דאַדורך שטענדיג געזאָגט: אַ יוד טאָר ניט זײַן קײַן עבד צו'ם רבונו של עולם, נאָר אַ חבר, אַ ידיד, און דאָס דבקות דאַרף זײַן בחינת אהבה טהורה, נאָר ער האָט ניט מרגיש געווען ווי דאָס אַלײַן איז דאָס גרעסטע עבדות, אַז מ'מוז זײַן אַ ידיד, אַ אוהב...

דער זוהן, יצחקיל, איז שוין גרעסער געווען און האָט געוואָלט דערגרײַכען די מדרגה פון אלהות דורך טיעפערע וועגען, האָט מען איהם אָבער פון אויבען געוויזען, אַז דער כסא הכבוד וועט קײַנמאָל ניט שטעהן אויף דר'ערד, און מרמז געווען האָט מען מיר פון אויבען, אַז איך בין אַ בשר ודם און מיז זינקען אין עבדות כל ימי חיי, זײַן געבונדען ווי אַ הונד צו דער קייט און פון מײַן נאָרע ניט אַרויס...

האָט „ער" אָבער אַ טעות געהאַט — אײַן גרויסע זאַך געפינט זיך אויף דער וועלט, אָטאָ טאַקי אַ גלעזעל משקה מײַן איך...

דו ביסט דאָך אַ טפש, און דערצו נאָך אַ ניעבעך. קלעהרסט דו, אַז שכרות איז אַ ירידה, איך זאָג דיר אָבער, אַז ניט נאָר אַ ניעליה איז שכרות, נאָר דאָס איז דער אײנציגער וועג, דורך וועלכען אַ מענש קען דערגעהן דעם תכלית פון דער וועלט...

אַז איך טרינק אַ פּאָר גלעזלעך משקה, פיהל איך, אַז כ'בין אַן אמת'ער בן-חורין, די אויגען מײַנע ווערען מיר אָפען און איך זעה מסוף העולם ועד סופו... איך דערהער יעדען קול נגינה, דק מן הדק, פון קלענסטען גרעזעל. די מחשבות הויבען אָן שוועבען אין די לופטען, און דאָס האַרץ הויבט אָן אמת'דיג גלוסטען, ס'גלוסט צו עפּעס אַזעלכעס, וועלכעס איך קען דיר יעצט, ניכטערהייט, ניט איבערגעבען... ס'גלוסט צו חדוש העולם, צו מעשי בראשית, צו מאַכען צוריק פון דער גאַנצער וועלט אַ תהו ובהו, ווילדע בערגער און וויסטע חורבות... און איבער די חורבות זאָל אַ געלעכטער שאַלען פון אמת'ער גבורה, פון די אמת'ע גרויסע תאוה!...

און איך געדענק אַ מעשה שהיה, באַלד ווי כ'האָב זיך נאָר אָרײַנגעלאָזט אין שכרות, און אין קאָפּ האָט זיך מיר נאָך געפּלעטשעט דאָס ענין פון תחית-המתים, וועגען וואָס כ'האָב שטענדיג אַזוי געגריבעלט אין די קבלה-ספרים, געדענק איך, אײַנמאָל, ווען כ'האָב זיך טאַקי געהאַט גוט אָנגעטרונקען, האָב איך די גאַנצע וועלט חרוב געמאַכט און טאַקי באַלד צוריק מחיה-מתים געווען!... איך האָב דאַמאָלס געזעהן די סודות פון דער וועלט — די סתרי בריאה, ווי כ'פלעג עס אַמאָל אָנרופען...

... דו דערצעהלסט מיר אַ מעשה, אַז ס'האָט זיך מיר נאָר אַזוי אויסגעוויזען אין שכרות — חכם, ס'איז געווען! ס'איז דאָס זעלבע ווי דער צדיק-הדור וואָס זעהט אליהו הנביא אין חלום — פאַרוואָס זעהט איהם ניט חיים'ל בעל-עגלה, שמואל שנײַדער?...

ס'איז אַ חלום. דער חלום איז, אָבער, דער תמצית, דאָס טײַעפּעניש פֿון דער נשמה, פֿון לעבען...

דער חלוק איז נאָר, אַז ווען דו חלומסט, קומט דײַן ווײַב און וועקט דיך אויף, איז אויס חלום, ווײַל בעצם ליגסטו טאַקי אין בעט. און לעגט נאָר דײַן ווײַב אָדער קינד, אויף דיר, די האַנד אַרויף, ווערסטו, אָפּטמאָל, געשלײַדערט פֿון די וואָלקענס ביז'ן שאול תחתיה... און אין שכרות וועט דיר קײַנער נישט קענען איבערײַסען דײַן חלום, די אינגאַנצען ביזט דאַמאָלס אַ חלום, דו ביזט די נשמה פֿון חלום...

און ווײַסטו וואָס נאָך, די גרויסע שאלה וואָס ענבערט אַזוי אויס דאָס האַרץ און לעכערט דעם מח ווערט דיר פּלוצלינג פֿערענטפֿערט... דו פֿיהלסט דאַמאָלס דײַן גאַנצען ווערטה... דו פֿיהלסט דעם אָטהעם פֿון דער וועלט... ס'איבריגע דערצעהלען דיר שוין די וואָלקענס...

קאָן זײַן נאָך אַ העכערע מדרגה ?...

אמת, נישט אַלע קומען צו דער מדרגה, דאָס ווענדט זיך שוין, ווי גרויס די נשמה פֿונים מענש איז. אָט, למשל, קען איך אַזעלכע וואָס אין שכרות פֿיהלען זיי זייער גאַנץ נידריגקייט. אַ סך שרעקען זיך נאָר און וויינען... נאָר דאָס זענען שוין פּראָסטאַקעס..

איין כלל וועל איך דיר איבערגעבען: דער וואָס איז ניכטערן אינגאַנצען צופֿריעדען מיט זיך, פֿיהלט אין שכרות זײַן גאַנץ קלײנקייט. דער וואָס פֿיהלט ניכטערן זײַן קלײנקייט, האָט חלומות וועלכע מרייסט איהם איבער, פֿאַר דעם איז דאָס שכרות די העכסטע מדרגה, ער ווערט נתעלה, כמעט, צו געטליכקייט..

הער נאָר, האָסט פֿילײכט דרײַסיג קאָפּיקעס, כ'האָב נאָך הײַנט גאָרנישט גע־

צווייטער מאָנאָלאָג.

צווישען ערשטען און צווייטען פלעשעל.

העי, קעלנער! וואָס לויפֿסטו ?... זעץ זיך נאָר נעבען מיר! וואָס אײַלסטו אַזוי ?... הער, כ'וועל דיר דערצעהלען מעשיות, שענע מעשיות... ביזט אַ בהמה, הערסט, אַ בהמה !... דו פֿערשטעהסט גאָרנישט... דו זעהסט יעצט מײַנע פֿליגלען ? זאָג, זעהסט צי נישט ?... וואָס שווײַגסטו ?!... כ'נעם דעם רעגענבויגען און שמײַס אַז ס'ווערט באַלד פֿון דיר אַ באַרג אַש, אַ גל של עצמות !...

אײ־אײַ, זעהסט ווי דער סופֿיט רוקט זיך אָב ?... זעהסט ווי פֿון הימעל ווערט אַ סופֿיט איבער מיר ?... דו זעהסט נישט — ביזט אַ בהמה, אַ גראָבער חומר, אַ נשמה פֿון אַ פֿערדאַרטען דראָנג...

אַ, אליהו הנביא קומט אַרײַן דורכ'ן סופֿיט !... ווער דאַרף איהם ? ער מײנט

ער איז אַ יחסן... אַרויס!...

העַ־העַ, ער איז אַנטלאָפֿן ווי אַבֿנעפּריהט!... וואָס דען, כ׳וועל מאַכן מיט איהם קונצן?... ער מיינט, ער קומט, דאָרטן, צום „קאָזענצער“, וואו ער איז אַ גאַנצער יחסן!...

„... הער נאַר, דו, ווייסט וואָס טײַטש איז בּ ר א ש י ת בּ ר א א ל ה י ם?...

וואָס קוקסטו מיך אָן, בהמה!...

די הײַנטיגע משקה איז אויסגעצייכענט, אַנ׳אמתיע מחיה!... וויפֿיעל טרינקסטו איבער׳ן טאָג? גאָרנישט?!... כ׳האָב געמיינט דו באָדסט זיך אין בראָנפֿן... דו ביזט, הײסט עס, געגליכען צו אַ... אַ... נו, דו פֿערשטעהסט דאָך, שוין וואָס כ׳מיין! ביין? ביזטו דאָך טאַקי אַ בהמה!... שוטה, כ׳מיין, דו ביזט הײַסט עס, געגליכען צו אַ שעפּס, וואָס טראָגט אויף זיך די הערנער און ווייסט נישט דעם ווערטה פֿון שופֿר...

דו ווייסט, אַז פֿון אַנ׳אמתיע תקיעה ציטערט דער שטן, ווי דער באַרג פֿון מיין געשרײַ...

כ׳האָב אַמאָל גוט געבּלאָזען... אמת געבּלאָזען... ס׳איז דאַמאָלס געוואָרען אַ גערודער אין הימעל... דער ש ט ן האָט געוויינט און ג אָ ט כביכול, האָט געלאַכט... מיך האָט דאָס פֿערדראָסען; פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס קומט עס דעם שטן? אמת׳דיג׳ זאָג אַליין, פֿאַרוואָס קומט עס איהם?... אדרבה, ער געפֿעלט מיר גאַנץ גוט! האָב איך דאַמאָלס, פּלוצלינג, דאָס ליכט אויסגעלאָשען! הערסט, אים ראש השנה דאָס ליכט אויסגעלאָשען!... איך האָב קיין מורא נישט, איך וועל מיר שוין מיין שטעדטעל בײַשטעהן... וואָס ווייסטו פֿאַר אַ רעש ס׳איז דאַמאָלס געוואָרען אין הימעל! דער שטן האָט מיך, פּשוט, געקושט!... און שטאָרט האָט מען געזאָגט, אַז כ׳בין משוגע געוואָרען — מילא, זאָל זיין אַזוי!...

...וואָס לויפֿסטו, האָסט קיין צײַט נישט?... גיב אַהער נאָך אַ פֿלעשעל משקה... גוטע!... כ׳וועל, אַ ביסעל צו די בערג אַרויסגעהן, כ׳בּרויך צו רעדען מיט „איהם“ אַליין עטליכע ווערטער... כ׳וועל איהם וויזען...

דרך־ארץ, שיינגעץ!...

די־דאַ־דאַ־דאַ, טרעללאַ־לאַ לעלל־אַ...

אַ־אַ... אַ מחיה, די משקה איז אויסגעצייכענט...

באַם־באַם־באַם־באַם טרעלל־לעל־לאַ...

הײַדאַ! מ׳וועט זעהן וואָס „ער“ וועט זאָגען...

דריטער מאָנאָלאָג.

אויפן וועג צו די בערג. צו א מעדעל.

אַי, מעדעל, וואָס לויפֿסטו?... האָב נישט קיין מורא. איך בין חייקעל שיכור!.. איך גיה אַ נייע וועלט בעשאַפֿען — שטעה, מיר ביידע זענען דאָך „תּפֿארת" און „גבורה". פֿאַר אונז וועט „ער" זיך דאָס אַביסעל דערשרעקען!... צוויי „ספֿירות"... דער שליסעל איז דאָ!... האָ־האָ, דאָס וועט זיין אַ וועלט! פֿון דיינע אויגען וועלען דאָך די הימלען זיין און מיינע הענד וועלען זיין די „עמודים", אויף זיי וועט זיך די ערד האַלטען; געפֿעלט זי מיר נישט — טראַסק! זאָל זי געהן אין שאול תּחתּיה!... אַ שאָקעל מיט די האַנד און אַ סוף!... צו וואָס אַ מבול?... געדענקסט דעם זהר אויפֿ׳ן פסוק „יסד ארץ בחכמה"?...

האַ, און אפֿשר טאַקי אָבלאָזען די „גאַנצע זאַך"? ליעבער געהן אַהינצו אין וועלדעל אַריין?... זעה נאָר, דאָס וועלדעל דאָרט, דאָס איז אַ שטיק בין־השמשות, אַנידער געוואָרפֿען אינמיטען העלען טאָג... האַ, ווי מיינסט דו, טאַקי דאָרט אַהין געהן צווישען די בוימער און „איהם" שוין לאָזען צורוה?... וואָס אפֿשר גאָר וואַרטען דאָרט ביז די לבנה וועט דורך די צווייגען אַריין קוקען, ווי דאַמאָלס מיט שפֿרה׳ילען, ווען יצחק׳ל האָט נאָך געלעבט?... שפֿרה׳לע איז דאָך נישט געווען אַ ווייבעל, נאָר אַ וואָלקענדעל... זי איז דאָך משוגע געוואָרען, ווייסט?... אפֿשר, טאַקי דאָרט אַהין געהן? די צווייגען בעטען זיך אַזוי... די לבנה איז דאָך אָבער אַ ליגנערין... זי האָט דאַמאָלס אויך גענאַרט!

פֿערשטעהסט, פּשוט אַ ליגנערין, זי נאַרט, מאַכט חוזק! נישט איינמאָל פֿלעגט זי מיך פֿערנאַרען אין פֿעלד אַריין און מיר צוגעזאָגט הרים וגבעות און צום סוף אַז כ׳בין אַהין געקומען, האָב איך געטראָפֿען אַ בית-עולם מיט מצבות...

און אַז זי, די לבנה, ווייַנט למשל, קלעהרסטו טאַקי אַז זי ווייַנט? לא דבים ולא יער!...

נישט בחנם האָט דער „כ ב י כ ו ל" געהייסען מ׳זאָל זי מקדש זיין... זי ליעב האָבען... דיך האָט ער געאַסערט, אויף דיר טאָר מען נישט קוקען און אויף דער לבנה...

קום, איך בעט דיך, מיר וועלען חרוב מאַכען די וועלט!.. חרוב! זאָל ווערען אַ סוף פֿון איהר... די נייע וועלט, וואָס מיר וועלען בעשאַפֿען, וועט זיין דער „עולם האמת", די הימלען וועלען זיין פֿון דיינע אויגען, נאָך וואָס אַ לבנה?.. ווי כ׳בין אַ יוד, מ׳דאַרף נישט!.. דיינע אויגען וואַרמען, מ׳וועט קיין זון אויך נישט דאַרפֿען!...

קום... וואָס האָסטו מורא?... זעהסטו ווי די וועלט שאָקעלט זיך... די הימלען וויעגען זיך?... דאָס ציטערט דער „רבונו של עולם"; ער פֿיהלט: „חייקעל שיכור" מיט זיין „שכינה" געהען...

ווילסט נישט? אַנטלויפֿסט? ס׳איז דאָך מיר אָבער אַ רחמנות אויף דיר... ס׳וועט דאָך פֿון דיר אויך ווערען אַ תּהו ובהו!...

ווילסטו נישט איז נישט!...

משקה האָב איך בײַ זיך... מעגסט אַנטלויפֿען...
אַ־אַ־אַ... מחיהדיג...
טרעלל־־לע־ל־לאַ. .לאַ־לאַ־לאַ...
חי־חי־חי, װי זינגט דער בלינדער יוד:
חוה, אוי, אוי, חו־ה...

פֿיערטער מאָנאָלאָג

אין סאמע ברען פֿון שכרות. אויפֿ'ן שפּיץ באַרג.

... פ ש ש ש ... װי גרויס די װעלט איז... און די הימלען! דער באַרג איז פּונקט צוגעפּאַסט צו זײַן מײַנס אַ פּיסען־בענקעלע... און דאָס אַלץ האָט טאַקי „ער" בעשאַפֿען... אַלץ איז אין זײַן רשות און אין מײַנעם גאָרנישט? — ע, אַ טעות... איך זאָג אַ טעות!!... און, באמת, װאָלט איך דען גישט געװען אַ גוטער מנהיג?...

— הער נאָר! — ד י ך מײַן איך טאַקי... דיך אַלײן, בכבודך ובעצמך! זאָג מיר דעם סוד פֿון דײַן גבורה, פֿון דײַן קראַפֿט... איך װיל װיסען!.. מער נישט, װיסען װיל איך נאָר... איך װיל װיסען!... אײַנמאָל פֿאַר אַלע מאָל שפּאַר איך זיך יעצט אײַן... איך מ ו ז װיסען דעם סוד װי אַזוי דו ביזט אַ גבור ונורא... נאָר דאָס װיל איך װיסען!... די אײנציגע זאַך װאָס דו ביזט באמת... און א י ך זאָג דיר אַז יעצט איז פֿערפֿאַלען, דו מ ו ז ט מיר זאָגען!... ד ו מ ו ז ט! איך צורײַב דעם באַרג אויף עפּר ואפֿר און שיט איהם אין הימעל אַרײַן! מײנסט, װעסט מיט מיר מאַכען דאָס װאָס דו האָסט געמאַכט מיט'ן דור הפּלגה? מיט'ן סני־נהור? מיט יצחקלען?... היה לא תהיה! איך בין ח ײַ ק ע ל ש י כ ו ר... ח ײַ ק ע ל ש י כ ו ר, װי כ'בין אַ יוד! און זאָג דיר: היה לא תהיה!...

אַהאַ, ביזט אין כעס, דער הימעל רויטעלט זיך אין מערב־זײַט, מלא כעס וחמה...

איך האָב נישט קײן מורא!
איך בין ח ײַ ק ע ל ש י כ ו ר!!...

װיסען װיל איך! אַז נישט מאַך איך דרוב די גאַנצע װעלט מיט ד י ר צ ו ז א מ ע ן!... און זאָל איך אַלײן אויך מיטפֿאַלען!... װי שמשון הגבור בשעתו...

איך בין אויך אַ גאָט! װילסט נישט מודה זײַן? — ס'זענען פֿאַראַן אַ סך װאָס זענען דיר אויך נישט מודה...

אַלץ מוז איך װיסען, אַלץ! פֿאַרװאָס איז די בית פֿון בראשית גרויס האַ, פֿאַרװאָס?...

און די ע ש ר ה ה ר ו ג י מ ל כ ו ת נאָך װאָס האָסטו בעשאַפֿען, האַ... כדי צו װײַזען דײַן כח?...

צוליעב נאות...
חייקעל שיכור קאָן דאָס נישט ליידען;...
און דעם עץ החיים נאָך וואָס האָסטו בעשאַפען? צו בעהאַלטען איהם אין דיין גן־עדן?!...
איך וויל אַנ׳עפּעל פון איהם!... הערסט, איך, חייקעל שיכור וויל אַנ׳עפּעל פון עץ החיים!...
דו לאַכסט גאָר... יושב בשמים ישחק... ברענג מיך נישט אין כעס אַריין!...
איך ווער מלא כעס וחמה!... איך הויב אָן שפּייען מיט פייער!!...
— — איך גיב איין שפּרונג פון דאַנען ביז בערדיטשעוו און גלייך איבער׳ן ים המלח!...
איך וויל אַנ׳ענטפער! — — — יאָ, צי ניין?!...
אַז נישט וועל איך מיר אַליין הימלען בעשאַפען — — — — און מיר וועלען זעהן!...
וואָס, ניין?... איין שפּרונג גיב איך נאָר!...
וואָס, איך האָב מורא?!...
איך?!?!
האָפּ!!!

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — דער שאול תחתיה?...
„ער" האָט מנצח געווען — — — —
ברררררה, מיינע ביינער — — — —

פינפטער מאָנלאָג

אויפ׳ן טויטען־בעט.

... דו זאָגסט מיר: חזור בך... איך זאָל תשובה טהון פאַר׳ן טויט..
ס׳איז דיר, זאָגסטו, אַ שאָד מיין נשמה... און איך זאָג דיר חזור בך, טהו תשובה קעהר דיך אום פון דיין וועג ווייל דו לעבסט... ס׳איז מיר אַ שאָד דיין נשמה, קעהר דיך אום ווייל דו לעבסט, ברודער... און אַז דו ווילסט וועל איך דיר זאָגען אַז דו לעבסט גאָרנישט... דו שלאָפסט, האָסט מורא צוזעהען אַ הויך וואָרט ווייל דו האָסט מורא פאַר׳ן קאַנטשיק... גאָט האָט אויף דיר דעם באַרג סיני, ווי אַ שטאַרץ אַרויף געדעקט און האָט געזאָגט: נעמסטו צו מיין תורה איז גוט, אַז נישט מאַך איך פון דיר אַ תהו ובהו!... און דו ליגסט טאַקי פערקאָפּיעט אונטער׳ן באַרג און שרייסט קדוש, קדוש, קדוש!...
...ביזט דיך טועה, איך בין אין דער כפירה נישט אַריינגעפאַלען... די שטאַר־

קײט און גרױסקײט פֿונ׳ם רבונו של עולם װײס איך גאַנץ גוט און טאַקי דאַדורך בין איך דאָס װאָס כ׳בין...

דער הילוק צװישען אונז בײדע איז נאָר דאָס: דו האָסט נור געהערט פֿונ׳ם רבונו של עולם און איך האָב איהם דערזעהן... אױף דיר האָט ער אַ פּחד אַרױף געװאָרפֿען און אױף מיר — אַ כעס...

און דאַדורך, אַז דו זעהסט דעם הױכען באַרג, האָסטו מורא, זאָגסט תפלת הדרך, און ציטערענדיג מיט אַלע אברים נעמסטו „אױף אַלע פֿיער״ אַרױף קריכען און בלײבסט שטענדיג אונטען... און איך װיל דעם באַרג מכניע זײן, איך געה גלײך אױפֿ׳ן שפּיץ...

אמת. איך בין פֿון באַרג אַרונטערגעפֿאַלען, און זיך גוט די בײנער צוקלאַפּט „חײקעל שכור״ איז אָבער געװען בכח דעם באַרג אײנצוװאַרפֿען... ביזט זיך טועה נישט פֿון אַלטשטינעד באַרג בין איך אַראָבגעפֿאַלען, דעם באַרג סיני האָב איך געװאָלט צומאָהלען און װאַרפֿען איהם אין הימעל אַרײן... און פֿון באַרג סיני האָט מיך דער רבונו של עולם אַראָבגעװאָרפֿען...

אמת, ער איז אַ גבור ונורא !...

...זאָגסט אַז כ׳האָב קײן שכל נישט — האָסטו דען שױן אַ מאָל אָנגעקוקט דעם שכל גלײך אין פּנים אַרײן, דו זאָלסט איהם קענען ? דו ביזט דאָך, שטענדיג, אַנטלאָפֿען פֿאַר איהם, מורא געהאַט פֿאַר זײן סוד !...

דער שכל !... דאָס איז דאָס ערגסטע בעשעפֿעניש, װאָס נאָט האָט פֿאַר׳ן מענש בעשאַפֿען, כ׳האָב איהם פֿײנט בתכלית השנאה... טױזענד מאָל האָב איך איהם פֿערטריבען פֿון זיך און כ׳האָב איהם נישט נעקענט מנצח זײן. מורא האָט ער נור פֿאַר אַנ׳אמת גלעזעל משקה...

...כ׳האָב, זאָגסטו, מײן נשמה דערטרונקען אין ספּירט... נײן, לײדער נישט אין גאַנצען... צו דער מדרגה בין איך נאָך נישט געקומען... און שלעכט, זעהר שלעכט זענען מיר די מינוטען װען כ׳בין ניכטערען; כ׳בין אַ האַלבער מענש, אַ צובראָכענע נשמה, אַ נאַקעטער גוף, און אױפֿ׳ן רוקען פּרעסען מיך בערגער, שװערע בערגער...

...װאָס, װידױ זאָל איך זאָגען ?... האָסט שױן אַמאָל געזעהן אַ גבור, װאָס פֿאַלט אין דער מלחמה זאָל קניהען פֿאַר זײן בעזיגער ?...

װידױ... האַ־האַ־האַ, די תוכחה װיל איך זאָגען !...

... יאָ, דאָס איז װאָהר, די מינוטען מײנע זענען געצעהלט...

הנה ! שטעל מיר, נאָר, אַנידער בײם בעט אַ פּאָר פֿלעשלעך פֿינף און נײנציגער... זאָל איך, נאָר נישט „אַהין״ קומען ניכטערען, אַ האַלבער מענש, אַ צובראָ־כענע נשמה...

דער בעל־תשובה.

(דערצעהלט פון א'אלטען חסיד).

כ'בין איינמאל געפאהרען קיין איזשביץ, נאך אין די צייטען פון „איהם" זכרונו לברכה מיט א שליחות וועגען א חשוב ענין. אינ'ם בית-המדרש האב איך בעמערקט אין א ווינקעל שטעהן עפעס א יוד איינגעהילט אין אנ'אלטען פערלאטע־טען טלית, איינגעבויגען איבער א סידור'ל. מילא, ציגערשט האב איך גערעכענט, א יוד דאווענט. אז כ'האב איהם, אבער, געזעהען אזוי שטעהן א גאנצען טאג איז מיר די זאך געווארען קשה. בין איך צוגעגאנגען צו איינעם און איהם געפרעגט ווער דאס איז. האט מען מיר געענטפערט:

— א בעל-תשובה.

— וואס איז זיין חטא?

— צוויי נפשות געה'רג'עט.

— או-וואַ!

כ'האב אנגעקוקט דעם „רוצח" — וואס זאל איך אייך זאגען? א פנים פון א גדול בישראל! בלייך ווי א קאלך, אהן א טראפען בלוט. נאר אין די אויגען פון וועלכע די תורה האט ארויסגעשיינט, האט מען דערקענט, אז דאס איז א לעבעדיגער.

— דער יוד האט געה'רג'עט א מענשען? האב איך זיך געוואונדערט — וויסט, דאס פנים איז דאך זייער, א רוחניות-זאך?!

— ס'איז א גאנצע מעשה דערביי — האט מיר א יונגער מאן ערקלערט — פרעגט איהם, וועט ער אייך דערצעהלען. ער דערצעהלט יעדען, דען אזוי איז בפירוש ארויסגעזאגט אין זיין „תשובה". ער מוז דערצעהלען יעדען, וואס פרעגט איהם.

כ'האב טאקי אזוי געטוהן. כ'האב איהם אליין געפרעגט און ער האט מיר דערצעהלט. און ביזן היינטיגען טאג בין איך נישט פעסט מיט מיין דעה, צי האט דער מענש טאקי געזינדיגט, צי ניין. דערצעהלט האט ער עס מיט א זא קול, ס'איז דערין געלעגען אזויפיעל הארץ, אז יעדעס ווארט איז ביי מיר פערבליבען. און אט וואס ער האט דערצעהלט.

אזוי ווי כ'בין נאר בר-מצוה געווארען, האט מיך דער טאטע עליו-השלום ארויסגעשיקט פון דערהיים קיין פרושקאוו, א קליין שטעדטעל נעבען אונזער שטאדט. אין דעם גרויסען מקום — האט ער געזאגט — קאן קיין אמת'ער ירא־שמים נישט אויפוואקסען; די תאוות רחמנא-לצלן ווינקען דארט פון די גרויסע שויבען ארויס און דער יצר-הרע געפינט זיך אויף יעדען שריט. אין פרושקאוו האט ער געהאט א ברודער און דערצו האט דער דארטיגער רב, ר' מאטעלע, נע'שמ'ט, אז ער איז נאר גוט פאר יונגע בחורימלעך מיט וואוילע קעפלעך — האט ער מיך

אַהין געשיקט.

כך הוה. איך האָב געלערנט איין שיעור ביי ר׳ מאָטעלען אין ס׳איבעריגע האָב איך געלערנט ביים טאַטענס ברודער, ביי מיין פֿעטער אין שטוב, וואו כ׳האָב אויך געגעסען און געוואוינט. און געלערנט האָט זיך מיר געשמאַק, מיט פֿערגעניגען ערשטענס. האָב איך טאַקי געהאַט דעם נוטען קאָפּ און צווייטענס, איז ביי מיין פֿעטער אין שטוב אַ תענוג געווען צו לערנען: אַ פֿולע שאַנק ספרים שעהן איינגעבונדען, און בכלל איז אין דער שטוב געווען אַן׳אמת׳ער הרחבת הדעת. עפּעס אַ ליכטיגקייט האָט די שטוב אין זיך געהאַט. און ס׳איז לגמרי נישט קיין וואונדער; אַ גרויסע נשמה האָט זיך דאָרט געפֿונען! אַ מיידעל אפילו, נאָר איינע פֿון די דאָזיגע אויף וועלכע דער „מגיד הקדוש״ האָט געזאָגט, אַז ס׳איז פֿאַראַהן נקבות, וואָס שטעהען אויף אַ העכערע מדרגה פֿון צדיקים גמורים. שטעלט זיך פֿאָר: אַ צנועה, אַ הייליגע — אויף איהרע ליפּען איז געלעגען די קדושה ווי אַ חותם. פֿון איהרע אויגען האָט אַ וואַרעמע, שטילע בושה אַרויס געקוקט — ווי פֿון די אויגען פֿון אַ טויב... און טאָמער האָט מען אויף איהר אַ קיק געטוהן, איז איהר פּנים געוואָרען ווי רויטער זייד. און אדרבה, האָט זי אַמאָל אויף מיר געקוקט, איז עס געווען אַזוי הייליג, אַז כ׳האָב געפֿיהלט דעם אמת׳דיגען רוחניות־טעם פֿון גן־עדן...

מילא, אַן׳עם־הארץ, אַ גראָבען יונג קאָן מען עס נישט געבען צו פֿערשטעהן, ער וועט עס נישט משיג זיין, ער וועט מיינען מ׳רעדט דאָ וועגען גראָבע גשמיות׳דיגע אַכען, ער וועט נישט פֿערשטעהן, אַז דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערער תענוג, וועלכער קעהר זיך אָן נור מיט דער נשמה, נישט מיט׳ן גראָבען חומר, איהר אָבער דאַרפֿט דאָך יאָ פֿערשטעהן דאָס ענין.

איך בין מיט איהר — פֿייגעלע האָט זי געהייסען — געווען שטאַרק בעפֿריינדעט, פֿערשטעהט זיך: פֿון דערווייטען,—כאָטש, דעם אמת וועל איך אייך זאָגען ס׳פֿלעגט מיר זיין פריקרע די זאַך: זי איז דאָך נישט געווען עפּעס גלאַט אַ מיידעל. מיט איהר האָט מען זיך געמעגט חבר׳ען, פּונקט ווי מיט אַ מאַנסביל אַ תלמיד־חכם. צו קיין שלעכטע געדאַנקען האָט זי זיכער נישט געקענט ברענגען... נאָר, דאָך, האָט אינז עפּעס ווייט געהאַלטען איינער פֿון צווייטען. אפשר האָט איהר בושה געבּרענט דערצו און אפשר... נאָר דאָס איז דאָך נישט קיין גרויסער נפקה־מינה, דער עיקר איז דאָס, אַז מיר זענען געווען דערווייטערט און דאָך נאָהענט: מיר האָט זיך גאָר אַנדערש געלערנט, אַז זי איז אין שטוב געווען און איהר פּנים האָט גאָר אַנדערש געלויכטען, אַז זי האָט מיין לערנען דערהערט...

טיילמאָל פֿלעגען מיר אפילו עפּעס רעדען צווישען זיך, נאָר נישט לאַנג. למשל איינמאָל, שבת, געדענק איך, איז זי צו מיר צוגעקומען, ווען כ׳בין געזעסען אינ׳ם גערטענדעל מיט אַ ספר אין האַנד, און מיך געפֿרעגט, אויב דאָס אַלץ וואָס שטעהט אין טייטש־חומש איז אויך אמת, אַזוי ווי דאָס, וואָס שטעהט אין דער תורה, און אַז כ׳האָב איהר געענטפֿערט, איז זי נאָך געשטאַנען אַ ביסעל, איז רויט געוואָרע און פֿערשוואונדען... און באמת זאָג איך אייך, בחוש האָב איך געפֿיהלט, אַז דער גאָרטען לעבט גאָר אַנדערש אויף, ווען זי קומט אַריין אין איהם. יעדעס געזעלן יעדעס בלעטעל ווערט עפּעס מונטערער, בולט׳ער און שפּראָצט גאָר אַנדערש...

אַזוי זענען זיך געגאַנגען טעג און נעכט, וואָכען און חדשים. דאָס ידידות צו איהר האָט זיך ביי מיר אַלץ מעהר און מעהר געשטאַרקט. דען מיט יעדען טאָג האָב איך אַלץ מעהר דערפֿיהלט איהר גרויסקייט און הייליגקייט. דאָס ידידות האָט אָבער, נאָר געוואַקסען אין הארצען — אַזוי, פֿון אויסענווייניג איז געווען פּינקט פֿערקעהרט: מיט יעדען טאָג האָבען מיר ווינציגער גערעדט איינער צום צווייטען. דען, אויסער דאָס אַלץ, איז זי גלאַט געווען אַ זעלטענע יפת-תואר, און מיט יעדען טאָג האָט איהר פּנים אַלץ מעהר געלויכטען, אַז ס'איז מיר, פּשוט, שווער געווען אין איהר פּנים אַריין צו קוקען. ס'האָט מיר אָנגעהויבען צו שווינדלען פֿאַר די אויגען און דאָס האַרץ צו קלאַפּען פֿון דער גרויסער ליכטיגקייט, ווי מ'קוקט להבדיל, אין דער זון אַריין. זעהט איהר, ווען זי האָט נישט געוואוסט דערפֿון, האָב איך יאָ געקענט אויף איהר קוקען, און באמת פֿלעג איך אויף איהר קוקען גאַנצע שעה'ען, ווען זי האָט זיך, למשל, צוגעלעהענט נאָך מיטאָג אויף דער סאָפֿקע וכדומה און כ'האָב בעמערקט, אַז מיט איהר איז אויך דאָס זעלבע — ווען זי האָט נישט געוואוסט, אַז איך זעה, האָט זי ווילאַנג געקענט קוקען אויף מיר...

אַזוי זענען אַדורך געלאָפֿען די פּאָר יאָהר אין אמת'ען תענוג, ביז דער טאַטע ע"ה האָט מיך אַהיים גענומען און חתונה געמאַכט. דעם אמת מוז איך אייך זאָגען: איך האָב באַלד געפֿיהלט הינטער דער חופּה, אַז דער סוף וועט נישט זיין קיין גוטער — ס'האַרץ זאָגט אַמאָל נביאות...

וועגען יענער נאַכט נאָך דער חופּה, איז מיר שווער, זעהר שווער צו רעדען. ווען מ'וועט שוין מיט מיר די וידוי זאָגען, וועט מיר פֿאַר די אויגען שטעהן דאָס בילד, ווי אַזוי פֿייגעלע האָט דאַמאָלס געקוקט אויף מיר (זי איז צוזאַמען מיט'ן פֿעטער און דער מוהמע געקומען צופֿאָהרען אויף מיין התונה). ס'האָט זיך מיר יעדער רגע אויסגעוויזען, אַז זי וויל וויינען. זי האָט, מסתמא, אויך געפֿיהלט, אַז דער סוף וועט נישט זיין קיין גוטער... דאָס געוויין איז איהר אויפֿ'ן פּנים געלעגען און זי האָט זיך טאַקי שרעקליך צעוויינט, נאָר דאָס איז שוין געווען דערנאָך. און געווען איז עס אַזוי:

שוין באַלד צום סוף פֿון דער התונה־נאַכט, איז זי, פֿייגעלע, צו מיר צוגעגאַנגען, ווען דער עולם אַרום איז געווען צוקאָכט און מיר געזאָגט:

— נחומ'ל, דו וועסט מיר עפּעס געבען.

ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך געהערט אַזאַ מין רעדען. דאָס איז געווען עפּעס אַ ציטער נישט קיין איינפֿאַך רעדען. איך בין געוואָרען צעמישט און זי געפֿרעגט:

— ווי הייסט?

— עפּעס... איידער כ'וועל אַוועק פֿאָהרען, זאָלסטו מיר עפּעס געבען פֿון דיינע זאַכען... זאָל זיין אַ טלית־קטנ'דעל... אפשר אַ ספר'ל...

כ'האָב געפֿיהלט, אַז זי איז גערעכט — ס'קומט איהר... נאָר דאָך האָב איך נישט געוואָלט ס'זאָל עמיצער וויסען דערפֿון, האָב איך איהר געזאָגט געשווינד, קיינער זאָל נישט הערען, זי זאָל וואַרטען ביז נאָך די „שבע ברכות". ווען כ'וועל שוין מעגען געהן אַליין, וועל איך צוריקגעהענדיג פֿון מנחה אַרויסנעהן אויפֿ'ן „ראַוועך

וועג.״

אַזוי איז עס געווען, דעם ערשטען פֿאַרנאַכט נאָך די: „שבע ברכות״ בין איך אַרויס אויפֿ׳ן „ראַוועער וועג״. די נאַכט איז געווען אַ לבנה׳דיגע און דער אויר איז געווען אָנגעפֿולט מיט עצבות, מיט טרויער... אַז כ׳בין געקומען נאָהענט צום אַלטען שלאָס, האָב איך זי שוין געטראָפֿען וואַרטען. אַז כ׳האָב אָנגעקוקט איהר פּנים — געדענק איך — איז מיר איינגעפֿאַלען אַ מאָדנער געדאַנק — אַפֿילו אַ קינדישער: פֿונדעסטוועגען... ס׳איז מיר איינגעפֿאַלען, אַז ווען ס׳וואָלט מעגליך געווען איהר פּנים אַרויסצושטעלען אויפֿ׳ן הימעל, וואָלטען זיך יודען טועה געווען און „מחדש לבנה״ געווען...

זי איז געווען שטיל און בלייך. אַז כ׳בין אָנגעקומען, האָט זי געגעבען אַ לייכטען שמייכעל, אַ סמוטנעם... און מיך געפֿרעגט אויב כ׳האָב איהר עפּעס מיט־געבראַכט.

כ׳האָב אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ טלית־קטן׳דעל און איהר געגעבען...
מאָדנע האָבען אין דער בלייכער ליכט אויסגעזעהען די תכלת־פּאַסען...
זי האָט עס שטיל צוגענומען און עס אַריין געלעגט... אין בוזעם...
אַ קמיע — האָט זי געמורמעלט — אַ סגולה...

און מיר זענען ווייטער געגאַנגען שטיל, קיין וואָרט איז ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרען, כאָטש כ׳האָב אַזויפֿיעל געוואָלט זאָגען...

פֿון דערווייטען האָבען זיך געזעהען דעכלעך פֿון אַ דערפֿעל, און ס׳האָט זיך געדוכט, ווי עפּעס אַ פֿאָרהאַנג טהוט זיי פֿערהענגען. אין די זייטען וועג זענען געשטאַנען די הויכע שוואַרצע טאָפּאָלען און האָבען אויסגעזעהן ווי זיי וואָלטען איינגעשלאָפֿען אינמיטען דער לבנה־מחדש זיין... אין שטילקייט האָט אַ טייכעל געמאַכט זיין אייביגען וועג צום ים הגדול אַוועק... אַ שאָד כ׳קאָן ניט גוט „קבלה״, נאָר כ׳פֿערשטעה, אַז ס׳מוז זיין אַ גרויס ענין אין דאָס שטילע זשומען פֿון אַ טייכעל אין אַ לבנה־נאַכט... צו מורח צו האָט געטונקעלט אַ וועלדעל און ס׳האָט אויסגעזעהן, ווי אויפֿגעמאָלט ערגעץ ווייט אויף אַ ווייס־בלויער וואַנד... און מיר געהען און שווייגען... איך הער איהר אָטהעם, איהר האַרץ־קלאַפּ. נאָר שטיל, שאַ... כ׳וויל עפּעס רעדען און קאָן ניט...

פּלוצלינג, אינמיטען געהן, האָט זי, פֿייגעלע, אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין, אָבער אין אַזאַ געוויין, אַז ס׳דאָט זיך מיר געדוכט, אַז די גאַנצע לופֿט, די בוימער און אַלץ אַרום האָט אַ ציטער געטהון... פֿון הימעל, איבער׳ן טייכעל איבער׳ן בלייכען איז דאַמאָלס אַ שמערען אַראָבגעפֿאַלען אין וואַסער אַריין... איך בין איינפֿאַך צו־מישט געוואָרען, כ׳האָב זי געפֿרעגט, וואָס זי וויינט. נאָר זי ענטפֿערט ניט, איך פֿיהל ווי זי וויל זיך מיט אַלע כחות איינהאַלטען, נאָר זי קאָן ניט, פֿונ׳ם האַרצען רייסט עס זיך איהר אַרויס... און פֿון אירדע כשר׳ע אויגען רינען טרערען, אַזעלכע קלאָרע, גרויסע און די לבנה שפּיגעלט זיך אין זיי... און וואָס אַמאָל וויינט זי מיעפֿער, שטאַרקער, רוקט זיך אַלץ נעדנטער צו מיר, ציטערט אינגאַנצען און וויינט... איך ווייס ניט, צי מען מעג אַזוי גלויבען, נאָר כ׳זאָג אייך, כ׳האָב דאַמאָלס געזעהען, אַז אויך די לבנה וויינט, און בכלל האָט אַלץ אַרום געקריגען אַ וויינענ־

דיגע צורה... און איהר געווײַן שטאַרקט זיך... כ'האָב מורא געקריגען — ווײַסט, אַזאַ געווײַן, מ'קאָן דאָך צעגעהן פֿאַר ווערטאָג! האָב איך זי אָנגעהויבען בעטען, חלש'ען, זי זאָל נישט ווײנען, כ'האָב זי במעט אָנגעהויבען קושען... זי האָט זיך מיט אַלע כחות געוואָלט אײַנהאַלטען — ס'העלפֿט אָבער נישט. עפּעס ווי אַ קוואַל פֿון טרערען וואָלט זיך פּלוצלינג אין איהר האַרץ אויפֿגעריסען... ס'איז מיך פּשוט אַ פּחד בעפֿאַלען... פֿאַר שרעק האָב איך זי אויף דער האַנד גענומען, ווי מ'נעמט אַ אַ קלײן קינד, און כ'האָב זי געבעטען מיט טרערען, אַז זי זאָל אויפֿהערען... און קוים, קוים האָט זי געקענט איהר געווײַן אײַנהאַלטען... זי האָט זיך אָבער שטאַרק פֿערשעהמט און זי האָט מיר דערנאָך נישט געקענט קוקען אין פּנים אַרײַן און מיר זענען דורך צווײ בעזונדערע וועגען אַהײם געגאַנגען...

צומאָרגענס איז פֿײגעלע אַהײם געפֿאָהרען.

יאָהרען זענען דערנאָך אַוועק, סמוטנע, שלעכטע. איך האָב מיך געוואוינט מיט מײַן ווײַב, אָבער צופֿרידען בין איך נישט געוועזען, אמת טאַקי, מײַן ווײַב איז געוועזען אַ גאַנץ כשר'ע יודענע, אָבער פֿערשטעהט איהר, נישט פֿאַר מיר; אַ פּראָסטע נשמה! מיר פֿלעגען שטענדיג קומען אויפֿ'ן געדאַנק יענע טעג אין פּרושקאָוו, ווי דאָרט האָט זיך געלערנט מיט הרחבת הדעת, אונטער דער השפּעה פֿון פֿײגעלען... און איצט? דער קאָפּ טראָגט גאָרנישט צו לערנען... אַפֿילו אין ווײַבען, ס'איז אַ אונטערשיעד פֿון פֿײגעלען צו מײַן ווײַב. אַז זי ווײנט, איז עס אַ געווײַן פֿון אַ יודענע און פֿײגעלע דאַמאָלס אויפֿ'ן „ראַוועער וועג"... נישטאָ וואָס צו רעדען, צופֿרידען בין איך נישט געוועזען; נאָר מהרהר געוועזען, חלילה, נאָך גאָט'ס מדות האָב איך אויך נישט — מן הסתם איז דאָך דאָס מײַן זיווג...

בײַ פֿײגעלען איז עס אויך נישט בעסער געוועזען. דער פֿאָטער איז איהר געשטאָרבען און די מוטער האָט זי חתונה געמאַכט שוין נישט לפֿי כבודה, ווי איהר איז אָנגעשטאַנען. דערצו איז דער מאַן געוועזען אַ קראַנקער און זי האָט אַלײן געמוזט פֿיהרען דעם מסחר — פֿאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט אַרײַן נאָך סחורה, שטעהן אין געוועלב און דערצו זיך אָבגעבען מיט'ן קינד...

זײַענדיג אין שטאָדט נאָך סחורה, פֿלעגט זי אָבטרעטען בײַ מיר. ס'האַרץ האָט מיר געשניטען קוקענדיג אויף איהר, זי איז געוואָרען בלײַכער... שעהנער אַפֿילו, דאָס הײַסט איהר פּנים איז געוואָרען נאָך רײנער, מ'האָט ערשט איצט דערקענט וואָס פֿאַר אַ נשמה זי האָט... נאָר איז דען דאָס בעשאַפֿען געוואָרען פֿאַר איהר, פֿאָהרען קויפֿען סחורה? ווען זי פֿלעגט בײַ מיר אָבטרעטען, פֿלעגען מיר ווינציג רעדען, דען, כ'האָב געפֿיהלט, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר און כ'האָב דאָס זעלבע געפֿיהלט בײַ איהר אויך...

וואָלט עס אפֿשר אַזוי אָבגעלאָפֿען און גאָרנישט! דען וואָס איז דען מ'שטײנס געזאָגט דעם מענשענס לעבען? „כצל עובר", אַ פֿערבײַ־פֿליהענדער שאָטען... מאַכט זיך אָבער אַזאַ מעשה: מײַן שווינער איז קראַנק געוואָרען און זי האָט געמוזט פֿאָהרען אין די בעדער אַוועק. מײַן ווײַב האָט געמוזט מיטפֿאָהרען און איך בין איבער־געבליבען אַלײן. געגעסען האָב איך אין דערהײם, בײַ מײַנע עלטערן, און געוואוינט האָב איך בײַ זיך. און דוקא דאַמאָלס איז פֿײגעלע געקומען סחורה קויפֿען און בײַ

מיר אָבגעטרעטען...

אַ טרויעריגער, רעגנעדיגער אויפֿדערנאַכט איז דאַמאָלס געווען. די הימלען זענען געווען פֿערכמורעט און ברוגז, און אין די שויבען האָט אַ רעגנערעל געפּויקט מיט רוגזה. איך בין פּונקט בײַם טיש געזעסען און געקלערט — מאַלע־וואָס אַ מענש האָט אַלץ דורכצוקלערען: וועגען זײַן תכלית, וועגען פֿערגאַנגענע טעג, וועגען טעג וואָס דאַרפֿען ערשט קומען... איך ווייס נישט ווי אַזוי בײַ אײַך איז, איך האָב אַ טבע אין אַזעלכע טריבע צײַטען שטאַרק צו קלערען. און אַם מעהרסטען פֿאַלט מיר דאַמאָלס אײַן אַ הרהור תשובה און, ס׳וואָלט זיך מיר געוואָלט דאַמאָלס, דערנעהנטערען זיך צו דער שכינה, ווערען גרעסער, הייליגער... איך זיץ אַזוי בײַם טיש. פּלוצלינג קומט זי, פֿײַגעלע, אַרײַן מיט אַ פּעקעל סחורה הינטערן אָרעם...

בלאַס איז זי געווען און אַז כ׳האָב איהר געזאָגט, אַז מײַן ווייב איז אַוועק געפֿאָהרען איז זי רויט געוואָרען...

איך אַלײן בין אויך געוואָרען צומישט און, אַז איך האָב איהר געזאָגט, זי זאָל זיך זעצען, האָט זי מיר געענטפֿערט, אַז זי דאַרף באַלד געהן צו דער באָהן און האָט זיך געזעצט...

יענער אָבענד שטעהט מיר פֿאַר די אויגען, אַזוי ווי ערשט איצט וואָלט עס געווען. צוויי זענען מיר געזעסען, אײנער נעבען צווייטען און געקוקט זיך שטום אין די פּנים׳ער אַרײַן... מיר האָט זיך דערמאַנט יענע טעג, ווען כ׳בין אַ יונגעל געווען און זי נאָך אַ קינד. וואָס מעהר כ׳האָב אין איהר פּנים געקוקט, אַלץ מעהר און מעהר האָט מיר גענומען צוקען אין האַרצען און, ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מײַן גאַנץ לעבען פֿון דער חתונה אָן ביז איצט, איז נאָר אײן גרויסער „טעות הדפּוס״ געווען...

און זי זיצט און קוקט מיר אין פּנים אַרײַן. וואָס זי האָט געקלערט, ווייס איך נישט זיכער, נאָר כ׳פֿערשטעה, אַז אויך דאָס זעלבע...

און אין די שויבען קלאַפּט דאָס רעגנדעל רוגזהדיג און, ס׳דוכט מיר, אַז עס ברומט:

„אַ טעות הדפּוס... אַ טעות הדפּוס...״

און וואָס אַמאָל שטאַרקער קלאַפּט דאָס האַרץ און, פֿאַר די אויגען דרעהען זיך רעדער און זי קוקט נאָר שטום. רעדט קײן וואָרט נישט. ס׳האָט זיך מיר דער־מאָנט יענע נאַכט אויפֿ׳ן „ראַווער וועג״ און מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט, זי זאָל פּלוצלינג אַ וויין־אַרויס געבען, ווי דאַמאָלס... נאָר זי זיצט שטום...

כ׳האָב אָבער געוואָלט פֿון איהר אַ קול הערען, אַ געוויין... אַ משוגעת איז מיך פּשוט באַפֿאַלען! — איך בין צו איהר צוגעפֿאַלען, כ׳געדענק נישט, צי האָב איך זי אַרומגענומען, צי נאָר געקושט, און געבעטען זיך: וויין... וויין... פֿײַגעלע, וויין!...

זי איז שטום געווען, נאָר מיט אַ קול דממה דקה, שטיל ווי אַ טויב האָט זי געמירמעלט:

— נחומ׳ל, וואָס טהוסטו?... נחומ׳ל...

אָבער נישט מעהר; זי האָט נישט מיט קיין אבי־ אַ ריהר געטהון... נאָר שטיל שטיל די פּאָר ווערטער געברומט:

— נחומ׳ל.. נחומ׳ל...

און איהרע אויגען האָבען אויסגעזעהן ווי טײַכלעך בּאַלד אין דער־פריה, נאָכ־דעם ווי בּײַנאַכט האָט זיך די שכינה, כביכול אין זיי געבּאָדען... בלוי, בּושה׳דיג־פערחלומ׳ט, און קוקען מיט שטילקייט, מיט צניעות׳דיגער הייליגקייט...

און וואָס אַמאָל איז איהר קול שטילער געוואָרען, די אויגען האַלב געשלאָסענע, ווי די לבנה וואָס פערדעקט זיך אַמאָל האַלב מיט אַ וואָלקענדעל... און די ווערטער זענען האַלבע, טיעף־שטילע:

— נחומ׳ל!... נחו...

איך האָב פערגעסען אַלץ, וואָס פאַר מיר איז געווען און נאָך מיר וועט זיין, כ׳האָב נאָר יענע רגע געפיהלט און פערשטאַנען, כ׳האָב געפיהלט, אַז כ׳האָב דעם תמצית פון מיין לעבען, דעם סוד פון מיין נשמה אין דער האַנד און כ׳שאָר עס, חלילה, נישט אַרויסלאָזען...

כ׳האָב נישט אפילו געפיהלט, אַז די לאָמפ געהט אויס, צאַנקט... איהר קאָפּ איז אויף מיר געלעגען און פון איהר פּנים, האָב איך געזעהן, ציהען זיך שטראַהלען און פלעכטען זיך און פערשפּינען אונז אַרום...

און וואָס אַ רגע ווערט פינסטערער אין שטוב, ליכטיגער אין די אויגען און וואַרעמער אין הארצען... עפּעס האָט זיך גערוכט, אַז די שטוב און אַלץ אַרום האָט זיך פערגליטשט פון אונז און מיר זענען אין דער לופט געבליבען, צווישען די וואָלקענס, און מיר הוידען זיך פון איין וואָלקענדעל אויפ׳ן צווייטען... אַרום אונז הערט זיך אַ לײַכטער גערויש פון ווײַסע מלאָכישע פליגעל, און פון „אור הגנוז" הייליגע, הימלישע וואַרעמקייט פליעסט אין אונזערע גיפים...

איך בּין דער ערשטער געקומען צו זיך און פערשטאַנען וואָס ס׳איז געווען.. דאָס רעגענדעל האָט אין די שויבען געפּויקט מיט אַ מאָדנער, קאַלטער אכזריות און ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז דאָס רייצט זיך דער יצר־הרע מיט אונז..

זי, פייגעלע, איז אין אָנהויב געווען ווי צומישט און מיט בּרייט געעפענטע אויגען געקוקט אין דער פינסטער־ניש אַרײַן...

איך האָב די לאָמפּ אָנגעצונדען און דער ווייגער האָט געוויזען, ווי מיט צוויי לאַנגע אויסגעצויגענע פינגער: צוועלף...

גלײַך ווי כ׳האָב אָנגעצינדען די לאָמפּ, האָב איך אויף איהר אַ קוק געטהון און זי אויף מיר. ווי לאַנג כ׳וועל לעבען, וועל איך יענעם קוק נישט פערגעסען; אַזוי גיט אַוודאי דעם ערשטען קוק אַ דערטרונקענער, ווען מ׳ציהט איהם פון וואַסער אַרויס... איך בּין געשטאַנען בּיים טיש און געפיהלט, ווי מ׳וואָלט מיך אָנגעשאָסען מיט זאַמד. כ׳האָב געפיהלט, אַז כ׳מוז עפּעס זאָגען. האָב איך זי געפרעגט: אויב זי האָט נאָך דאָס טלית־קטנ׳דעל... נאָר זי איז געלעגען אויף דער סאָפקע און געקוקט מיט די אויגען, וועלכע זענען אין יענער רגע געווען עטוואָס געלבלעך, שטום און שטאַר געקוקט אויפ׳ן ווײַנער, ווי זי וואָלט פערגליווערט געוואָרען... נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך מיט אַ שרעקליכען געוויין אויפגעכאַפּט. — ניין

דאָס איז נישט געווען קיין געוויין; דאָס איז געווען עפּעס אַ מוראדיגער שלוכץ:

— רוצח! האָסט מיין נשמה דעם שטן אוועק געגעבן — האָט זי גע־שלוכצט — מטמא געווען... אין דער זיינער... אוי, ווי האָט ער דאַמאָלס געקלאַפּט, און דער ציפּער־בלאַט מיט די צוועלף טויטע אויגן קוקן... זי רייסט זיך די האָר און צום סוף איז זי אַרויסגעלאָפן...

אין קוימען האָט דאַמאָלס דער ווינד געריסן מיט אַ משונהדיגער יללה...

צו מאָרגנס אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען ווי משוגע. כ'האָב אַליין נישט געוואוסט, צי בין איך באמת אריינגעפאַלן אין שטן'ס הענד און כ'דאַרף אַ „תשובה" צי ניין. כ'האָב מיט זיך געהאַט אַ וויכוח, און איך בין געקומען צו דער דעה, אַז כ'האָב נישט געזינדיגט! מיר האָבן נישט געמיינט, חלילה די תאווה, העכסטנס, האָט דער גוף עפּעס „געטהון". דיא נשמות זיינען זיכער ריין געבליבן... אדרבה, איך פיהל, אַז נאָך קיינמאָל בין איך נישט געווען אזוי נאָהענט צום רבונו של עולם ווי אין יענער רגע...

איך האָב זיך אַנידער געזעצט און צו פיינעלען אַ בריוו אָנגעשריבן; איך האָב איהר דאָס אַלץ געגעבן צו פערשטעהן און כ'האָב איהר סערזיכערט, אַז טאָמער איז יאָ דערביי געווען עפּעס אַ זינד, נעהם איך אויף זיך דעם גאַנצן עונש... ס'איז פאַרהאַן אַמאָל אַן עבירה, וואָס ס'איז ווערטה פאַר איהר צו ליידען.

ס'נעדויערט אַ פּאָר טעג בעקום איך פון איהר צוריק אַ בריוו, אין וועלכען זי לייגט מיך אין חרם אַריין און פערשילט מיין נשמה... דעם עונש, שרייבט זי, האָט זי שוין געהאַט... איך בין דער רוצח פון איהר קינד; זי איז אַ היים געקומען האָט זי איהר קינד געטראָפען טויט. און ווייסטו ווען ס'איז געשטאָרבן? — לאָוט זי אוים איהר בריעף — טאַקי אין יענער נאַכט, אַ זייגער צוועלף...

כ'האָב מיט אַ מאָל פערשטאַנען, וואָס דער זייגער האָט דאַמאָלס אזוי „געקוקט"...

דאָ בין איך שוין געוואָרן אַ צוטומעלטער! כ'בין אַרומגעגאַנגען ווי אויף'ן עולם התועה, אין יעדען זייגער האָב איך געזעהען ווי דאָס טויטע קינד קוקט אויף מיר און פאָדערט מיך צום בית־דין של מעלה...

איז נאָך דאָס ווינציג געווען, קומט מיר אין אַ פּאָר טעג אַרום אָן אַ ידיעה, אַז זי, פיינעלע, האָט זיך אין מיטען דער נאַכט, דעם האַלז מיט אַ מוציא-מעסער איבערגעשניטען, און געזאָגט פאַר דער פטירה, אַז מ'זאָל מיר זאָגען, זי איז מיר מוחל, זי נעהמט אויף זיך דעם עונש פאַר ביידען...

אָט אזוי בין איך געוואָרן דער רוצח פון צוויי נפשות און פון זיך אַליין...

כ'האָב שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען. וואו כ'בין געגאַנגען, האָב איך געזעהען פיינעלעס שאָטען מיט'ן טויטען קינד אויף דער האַנד... בין איך צום רבי'ן געפאָהרען, האָט ער מיר אַ תשובה אַרויסגעגעבען: כ'זאָל אַכטצעהן שעה אין מעת לעת פאַר זייער נשמות בעטען און ווער ס'וועט מיך פרעגען וואָס מיין זינד איז, זאָל איך די גאַנצע מעשה דערצעהלען, ס'זאָל זיך יעדער אַ מוסר אַרויסנעהמען...

דער אמת איז, אַז די נשמה מיינע שטילט זיך נישט דערפון און אויפ'ן האַרצען ווערט נישט גרינגער, נאָר...

דאָ האָט דער בעל־תשובה אומגעקערט דאָס פּנים צו דער וואַנד און איז אַנטשוויגען געוואָרן.

דער דין־תורה.

(פֿונ׳ם „זקנ׳ים מעשיות).“

I

כידוע, איז דאָך דער זיידע ר׳ יחיאל הקדוש נפטר געוואָרען פלוצלינג, צווישען נאָנצען עולם מוצאי שבת קודש, ווי נאָר ער האָט געענדיגט מאַכען די הבדלה. איינמאָל שמע ישראל אויסגערופען און גלייך אויפ׳ן שטוהל געפאַלען. דער עולם האָט געמיינט, אַז ס׳שטאַמט פון דער גרויסער מחלוקה מיט׳ן „מגיד הקדוש״ — יענער צד, הייסט עס, האָט גובר געווען. באמת, אָבער, האָט מען איהם דאַמאָלס אַרויף גערופען צו אַ דין־תורה. און די מעשה איז אַזוי געווען.

אין אַ קליין שטעדטעל האָט געוואוינט אַ יונגערמאַן, אַ קדוש וטהור, דורך און דורך געלייטערט כזהב מזוקק, מיט איין וואָרט — אַ חד בררא!

אין יעדען פאַרנאַכט פלעגט הירש־וואָלף (אַזוי האָט דער יונגערמאַן געהייסען), געהן ווייט אין וואַלד אַריין, האָבען התבודדות און מתקן זיין תיקונים׳

און געוואוינט האָט אין אָנהויב וואַלד אַ יפת תואר, אַ גויה אפילו, אָבער איהר פנים האָט אויסגעזעהן ווי אַ יודישע טאָכטער, אַ צנועה. האָט זי געזעהן יעדען פאַרנאַכט הירש וואָלפען געהן. איז געווען ונפשה דבקה בנפשו, זי האָט איהם ליעב געקריגען ביז מסירת־נפש. דען כאָטש זי איז געווען אַ גויה, האָט זי מרגיש געווען זיין גדלות. זי האָט געהאַט אין זיך אַ ניצוץ, זי איז געווען מחסידי אומות העולם, און דערצו איז איהר פנים אָהן אַ שיעור שעהן געווען און די אויגען האָבען געלויכטען ווי דער מאָרגענשטערען להבדיל...

זי האָט איהם יעדען טאָג געזעהן, ער האָט זי אָבער איינמאָל אויך נישט געזעהן, ער איז נעגאַנגען פערטיעפט אין זיינע מחשבות... האָט איהר ס׳האַרץ וועה געטוהן אויף דעם, וואָס ער בעמערקט זי אפילו נישט. איז זי אויף אַ המצאה געפאַלען און גלייך ווי ער איז אין וואַלד אַריין, האָט זי אָנגעהויבען זינגען. און דאָס קול האָט אין זיך געהאַט אַזויפיעל מתיקות. דער ניגון האָט זיך אַזוי געבעטען און געפלאַמט, אַז ס׳האָט אַ שטיין געקענט ריהרען. אונזער הירש וואָלף, אָבער, האָט געמיינט, אַז אַ פויגעל האָט זיך אויף אַ בוים צעזוּנגען אַ שבח צום השי״ת. האָט איהם די זאַך שטאַרק משמח געווען, האָט דעם רבונו של עולם געדאַנקט און דערביי אַ פאָר תיקונים מתקן געווען...

האָט זי געזעהן, אַז דאָס העלפט נישט, איז זי זיך מישב איינמאָל פאַרנאַכט, ווען זי זעהט איהם, הירש וואָלפ׳ן, געהן אין וואַלד אַריין, און געהט איהם נאָך מיט שטילע טריט, ביז זי זעהט פון דערווייטען, ווי ער קומט צו צו אַ בערגעל אינמיטען וואַלד, ער זעצט זיך דערויף אַנידער און קוקט שטום אַהין, צו מערב־זייט, וואו עס הויבט שוין אָן צו זינקען די זון. ער זיצט אויפ׳ן בערגעל און פון דערווייטען, צווישען די ביימער שטעהט זי און קוקט אַהין, צו איהם... אין וואַלד איז אַ שטילקייט פון בין־השמשות און די שפיצען פון די ביימער זענען רויט בעלויכטען פון דעם מערב

וועלכער האָט בלויע, געלע, ווייסע און גרויע וואָלקענדלעך אונטערגעצונדען.

און אַ גרויס פֿייער האָט זיך אין איהר הארצען אָנגעצונדען, איז זי ציטערנדיג און פֿלאַטערנדיג צו איהם אויף די שפּיץ פֿינגער צוגעגאַנגען, און זיך פֿאַר איהם אויף די קניע געוואָרפֿען... איז ער דאָך דערשראָקען געוואָרען, זיך אויפֿגעהויבען און געוואָלט געהן, זי האַלט איהם אָבער אַרום די פֿיס... ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טוהן, און זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איהם ביי דער האַנד אָנגענומען און, ציטערנדיג אינגאַנצען, געזאָגט צו איהם: נעם מיך מיט דיר... אַז נישט, נאַ, נעם, רייס מיר ס׳הארץ אַרויס און וואַרף עס דאָרט צו דער זון אַהין, זאָל עס אין די פֿלאַמען פֿערברענט ווערען...

און זי האָט איהם טאַקי דאָס הארץ געוויזען...

ס׳האָט דאַמאָלס אַ ציטער געטוהן אין אַלע זיבען הימלען, דען אַ רגע האָט געפֿעהלט, און הירש וואָלף וואָלט זיך אַ וויסט געטוהן — אַ גרויסער בעל־רחמים איז ער געווען, און אַז ער האָט דערזעהן איהרע אויגען, מיט וואָס פֿאַר אַ צער און אהבה זיי קוקען אויף איהם, האָט איהם אַ גרויס רחמנות אָנגעכאַפּט און ער איז שוין באַלד געווען גרייט צו אַלץ...

די קדושה האָט אָבער גובר געווען; ער האָט וויך צו איהר געזאָגט: בעט צו גאָט, מיין קינד, וועט ער דיר העלפֿען, און ער האָט זי אין טיעפֿסטען שמערץ שטעהן געלאָזט...

מעהר איז ער שוין אין יענעם וואַלד נישט געגאַנגען... נאָר טייל מאָל פֿלעגט ער זיך אָן איהר דערמאַנען, פֿלעגט איהם דאַמאָלס פֿאַר גרויס רחמנות דאָס הארץ קלעמען און ער האָט פֿאַר איהר נשמה מתפלל געווען.

אַ גרויסער בעל-רחמן געווען!

II

שוין ביים סאַמע עק שטעדטעל האָט געוואוינט אַ קדשה, אַ זונה רח״ל. דער יצר־הרע האָט דאָרט זיין נעץ פֿערלייגט צו פֿאַנגען יודישע נשמות. די זונה פֿלעגט זיך אַנידער שטעלען ביים פֿענסטער און מיט די אויגען געוואונקען, און געהאַט האָבען די אויגען אין זיך אַ גרויסען כח הטומאה, און וועה איז געווען דעם שוואַכען, וועלכער איז אַריין געפֿאַלען.

ויהי היום, איינמאָל אין אַ ווינטערדיגען בין־השמשות, איז הירש וואָלף אַרויס־געגאַנגען פֿון דער שטאָדט כדרכו, זיך מתבודד זיין. פּלוצלינג זעהט ער פֿון דערווייטען, ווי אַ בית־מדרש בחור געהט. די זונה קוקט אַרויס דורכ׳ן פֿענסטער און ווינקט מיט חצופה׳שקייט... דער בחור ווערט צוטומעלט, בלייבט שטעהן און קוקט מיט די אויגען דערשראָקען, ווי רחמנא־לצלן אַן׳אַנטלויפֿענדער הערש, אויף וועלכען מ׳שיעסט פֿון אַלע זייטען...

דעם שטן׳ס פֿיילען האָבען געטראָפֿען — דער בחור איז אַריין...

האָט הירש וואָלפֿען די זאַך שטאַרק מצער געווען, ס׳האַרץ האָט איהם וועה געטוהן אויפֿ׳ן יונגענמאַן, און ער איז געווען אַ פּאָר טאָג מבולבל פֿון דער מעשה. וואו ער איז געגאַנגען, האָט ער אַלץ פֿאַר זיך געזעהען דעם יונגענמאַן מיט די דער־שראָקענע אויגען, וועלכע ווילען זיך מציל זיין און קענען נישט...

דערווײַל איז אָנגעקומען ראש־השנה, און הירש וואָלף האָט געוואָלט וויסן דעם פּסק־דין פון בית־דין של מעלה וועגן דעם יונגערמאַן. האָט ער זיך מתבודד געווען און געהאַט עלית נשמה און, ווי ס'איז צוגעקומען אין ספר הזכרונות צו דעם יונגערמאַן, האָט ער געהערט, ווי דער קטיגור פאָדערט דעם גרעסטן עונש, און דער סניגור בעט מ'זאָל מקיל זײַן, ווײַל אין יענער רגע איז ער געווען נישט בײַם קלאָרן דעת, און איז געווען שוואַך. איהרע אויגן האָבן איהם דעם כח צוגענומען און ער האָט נישט געקענט עומד בנסיון זײַן. דאָס בית־דין של מעלה האָט שוין געוואָלט מסכים זײַן צום סניגור, נאָר דאָ האָט זיך דער קטיגור אויפגעכאַפּט און פאַרלאַנגט' מען זאָל ממצה זײַן דעם רײַנעם דין. אַ'אמת'ער יוד — האָט ער געשריגן — אַ צדיק, האָט שוין כחות!.. איהר געדענקט הירש וואָלפ'ן אין וואַלד, ווי ער האָט מקדש השם געווען פאַר די בוימער!...

די ווערטער האָבן עושה רושם געווען. אַ שטורם האָט זיך אין די הימלען צעוויינט און דאָס בית־דין האָט אַרויס געטראָגן זײַן פּסק־דין:

כרת!

הירש וואָלף איז נתחלחל געוואָרן.

ער האָט דעם צווייטן טאָג ראש־השנה נישט געקענט געהן דאַוונען. גוואַלד — האָט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ — איך בין דאָך אַ הורג נפש, אַ מענש געהרג'עט. דרך מיר האָט מען אַ יוד גע'משפט כרת!... אמת, ער איז נישט קיין „מזיד", ער האָט נישט, חלילה, געוואָלט הרג'ענען קיין יוד, ער איז נאָר אַ „שוגג" און איז בלויז מחויב „גלות", אָבער וואָס האָט נעבעך יענער יוד דערפון?...

און אַ נײַער רעיון האָט איהם אָנגעהויבען פּײַניגען: ער טוהט שלעכץ דעם כלל ישראל: נעבעך אָרעמע, צובראָכענע יודעלעך, האָבן קיין כח נישט מקיים צו זײַן די תורה און אַז ס'קומט צום משפט געהען זיי אַלע אַרויס חייב און מ'קאָן אפילו נישט מלמד זכות זײַן. די בעסטע טענה האָט שטענדיג דער קטיגור: אַ'אמת'ער יוד קאָן — והראיה הירש וואָלף!... משל למה הדבר דומה? דאָס איז גלײַך צו אַ בעל־הבית, וועלכער האָט קראַנקע, שוואַכע קנעכט, לאָזט ער זיי ווינציגער אַרבייטן, שטעהט, אָבער, אויף איין קנעכט און אַרבייט כשורה, טענה'ט דער בעל־הבית, אַז זיי זענען עצלים....

ביטער איז דאַמאָלס געוואָרן הירש וואָלפן. בײַ יעדער מצוה, וואָס ער האָט מקיים געווען, האָט זיך איהם אַלץ אויסגעוויזען, אַז ער קוילעט דערמיט אָב אַ יודיש הויזגעזינד, נעמט צו פאָטערס פון קינדער און מענער פון ווײַבער...

אַ גרויסער בעל־רחמן געווען.

און אייינמאָל, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט אויף דעם, וואָס ער מוז שלעכטיץ טוהן דעם כלל ישראל, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געלאָפן צו יענער זונה...

III

הירש וואָלף האָט אָנגעהויבען צו זינדיגען, און נישט גלאַט זינדיגען, נאָר ער האָט אויסגעזוכט די גרעבסטע חטאים, לאָז דער רבונו של עולם זעהן — האָט ער זיך געטראַכט — אַז דער ערגסטער יוד איז בעסער פון מיר...

פאַר׳ן עונש האָט ער נישט מורא געהאַט — ער איז געווען גרייט איהם מקבל צו זיין באַהבה. ער האָט קיינמאָל נישט דעם רבונו של עולם געדינט מיראה, פון פחד פאַר׳ן עונש, נאָר מאַהבה, פון גרויס ליעבשאַפט צום כביכול. זיין אַהבה צום כלל ישראל איז אָבער געווען לאָין שיעור, האָט ער זיך מקריב געווען.

אין שטעדטעל האָט מען גאָר פאַרגעסען, ווער הירש וואָלף איז געווען, מ׳האָט איהם געהאַלטען פאַר׳ן גרעסטען פושע ישראל, און ער האָט גאָר געזינדיגט, און ביי יעדען חטא האָט איהם דאָס פנים געשיינט ווי אַמאָל ביי דער גרעסטער מצוה...

נישט אייביג לעבט, אָבער, אַ מענש און די צייט איז אויך אויף אונזער הירש וואָלפ׳ען געקומען. פאַר׳ן טויט האָט ער נישט געוואָלט זאָגען וידוי, און בעגראָבען האָט מען איהם קבורת חמור, מיט די גרעסטע בזיונות, און די נשמה האָט דערפון אַ גרויסע הנאָה געהאַט; זאָל דער „כביכול״ זעהען, אַז יודען ווייסען דעם ווערט פון אַ רשע.

אַז זיין נשמה איז געוואָרען אַרויף געפיהרט אין הימעל אַריין, האָט זי געווארט ס׳זאָלען אָנקומען די מלאכי חבלה און מ׳זאָל זי יאָגען אין גהינום אַריין, צום סוף זעגען איהר אַקעגען געפלויגען מיט געזאַנג און שירה הייליגע מלאָכים מיט ספר־תורות אויף די פליגעל. תנאים און די אָבות... און איבער אַלע הימלען האָט געשאַלט:

פני מקום...

פרעגט הירש וואָלפ׳ס נשמה:

— ס׳איז דאָך נאָך קיין משפט נישט געווען?..

ענטפערט מען איהר, אַז ס׳וועט גאָרנישט זיין קיין משפט, וויל ס׳איז „זכאַי שבזכאַי״, דער קטגור האָט קיין טענה נישט...

— שפאַרט זיך די נשמה איין: אָהן משפט וויל זי נישט!...

איז כביכול מטריח ס׳בית־דין און מ׳נעמט דאָס ספר הזכרונות און ס׳לייענט זיך פון דאָרט:

יום ג׳ פ׳ וארא תקצ, זיך מוסר־נפש געווען פאַר כלל ישראל ביי דער זונה האשה א. ז. ו.

און נאָך דעם געהט נאָך אַ רשימה פון די אַלע חטאים, וואָס ער האָט עובר געווען, און יעדער חטא ווערט גערעכענט פאַר דער גרעסטער מצוה. און דער פסק־דין ווערט אַרויס געזאָגט:

הירש וואָלף בן משה, זיין גאַנץ לעבען איז געווען נאָר מסירת־נפש פאַר כלל ישראל; זכאַי שבזכאַי. אין גן־עדן אַריין, נעבען היכל המשיח.

דאָ ווערט די נשמה צומישט: היתכן? זיך ס׳גאַנצע לעבען טועה געווען! געמיינט, אַז ער זינדיגט, צום סוף רעכענט מען איהר די אַלע חטאים פאַר מצוות: און אַנדערע נשמות ווערען דאָך פאַר קלענערע חטאים פערפאַלען אין שאול תחתיה...

— ניין, דאָס איז נישט קיין משפט צדק — האָט די נשמה אויסגערופען — מיר קומט ס׳גהינום!...

איז געוואָרען אַ רעש אין הימעל. די נשמה שטעהט אָבער, אויף ס׳איהריגע:

ס׳איז נישט קיין משפט צדק, זי וויל אַ דין־תורה מיט׳ן קודשא־בריך־הוא כביכול...

דערווייל קומט אָן שבת און מוצאי־שבת, מ׳נעמט צוריק טרייבען די רשעים אין גהינום אריין, וויל הירש וואָלפ׳ס נשמה מיט זיי מיטגעהן.... אַ שטאַרק ציטערניש איז דורך די הימלען אַ דורך, די מלאכי השרת זענען, חלילה, טרויעריג געוואָרען און די נשמה טענה׳ט, אַז זי וועט נישט לאָזען יענע נשמות אַוועק געהן אין גהינום אריין אָהן איהר; זי האָט מעהר געזינדיגט פון זיי. אַ דין תורה — טענה׳ט זי — זאָל זיין, אַ דין תורה!...

מילא, פערפאַלען, אַז הירש וואָלפ׳ס נשמה וויל אַ דין־תורה מוז זיין אַ דין תורה...

האָט מען דעם זיידען ז״ל, ר׳ יחיאל הקדוש אַרויף גענומען ער זאָל זיין אַב־בית־דין.

און דער דין־תורה איז נאָך ביז היינט נישט פאַרטיג...

אין אַ סדר־נאַכט.

(דערצעהלט פֿון אַ חסיד.)

שוין, דוכט זיך, אכטצעהן יאָהר װענען מיר ידידים נאמנים. און כמה וכמה מאָל האָב איך עס דיר שוין געוואָלט דערצעהלען, כ'האָב שוין אפאָר מאָל אָנגעהויבען און יעדעס מאָל ווערט מיר דער האלז, לא עליכם, ווי צוזאַמען געשנירט. און ס'איז נישט קיין חידוש — אַ סוד וואָס פרעסט שוין דאָס האַרץ צוואַנציג יאָהר!

כ'האָב שוין נישט איינמאָל געוואָלט פאָהרען צו „איהם זאָל לעבען" דערצעהלען עס, נאָר, סהדי במרומים, כ'בין עס נישט אימשטאַנד! ס'איז אַמאָל פאַרהאַן אַ זאַך וואָס זיצט אַזוי טיעף אין מענש, אַז די ליפּען קענען עס נישט אַרויסזאָגען. עפּעס דוכט זיך, אַז ווינּאַלד דו זאָגסט עס אַרויס, האָסטו מיט דעם זאָגען דעם גרעבסטען חטא געטוהן. כ'קאָן, אָבער, שוין מעהר נישט אויסהאַלטען — כ'בעט דיך, פרעס עס פון מיר מיט גוואַלד אַרויס, רייס עס מיר פון האַרץ אַרויס, אַז נישט וועל איך, חלילה, משוגע ווערען.

... יאָ, דו ביזט גערעכט, כ'וועל דיר דערצעהלען — כ'וועל זיך שטאַרקען מיט אַלע כחות.

כ'בין נאָך דאַמאָלס, כמעט, געווען אַ קינד. כ'בין ערשט נישט לאַנג געהאַט געוואָרען אַ חתן מיט חנה'לען עליה השלום.

ס'איז געווען אין די פאַר־פסח טעג, ווען דער מחותן מיינער, אַ רב אין אַ קליין יודיש שטעדטעל, האָט מיך פערבעטען צו זיך „צו גאַסט" אויף פסח.

דער שווער ז"ל איז געווען אַ צדיק תמים און אַ יוד אַ למדן, מעהר ווי אַביי ורבאָ האָט ער אויף דער וועלט נישט געהאַט, און זיין בת יחידה, וועלכע איז געווען נאָך מעהר צנועה פון איהם... קיין וויב האָט ער שוין נישט געהאַט.

אהין געפאָהרען בין איך אים ראש חודש ניסן, דער רבונו של עולם, כביכול, האָט אָנגעהויבען די וועלט בעניי׳ען מיט אַ שמחה'דיגע, ליכטיגע זון. לערנען, לערנט מען שוין דאַמאָלס נישט אַזוי פיעל; יענע טעג זענען מעהר מסוגל צו חשבון הנפש... דאָס האַרץ פונ׳ם מענש ציהט דאַמאָלס למרחקים, אין די ווייטע עולמות, און דער מח האָט דאַמאָלס ליעב צו בלאָנדזשען צווישען די וואָלקענס... פון דעסט־וועגען פלעגט זיך טרעפען, אַז ווען כ'בין געזעסען אין דער שטוב און כ'האָב פון דער קיך חנה'לעס געלעכטער געהערט, איז מיר פלוצלינג איינגעפאַלען דער פשט פון אַ שווער תוספת'ל וואָס כ'האָב יאָהרען לאַנג נישט פערשטאַנען... אַזוי, אַז זי דאָך שטענדיג געווען שטיל ווי אַ טויב, נאָר טאָמער האָט זי זיך צעלאַכט, האָט עס עפּעס לויזער און פרייער געמאַכט די רעיונות אין קאָפּ, און דאָס זעלבע איז געווען אַז כ'האָב געקוקט אויף איהר; די שווער־סטע „סוגיא" איז מיר געוואָרען לייכט און פשוט. און דו מעגסט מיר גלויבען, אַז כ'האָב אויף איהר געקוקט אָהן שום הרהור חטא, חס ושלום!... כ'האָב אויף איהר געקוקט, ווי כ'קוק, להבדיל

אויף דער לבנה בײַם מקדש זײַן...

כ׳האָב זיך טאַקי דערמאַנט אָן דער לבנה... כ׳מוז דיר זאָגן, אַז די לבנה האָט אַ גרויסע שייכות צו דער מעשה... בכלל, מוזטו וויסן, האָב איך שטענדיק עפּעס מורא געהאַט פאַר דער לבנה... ווי הייסט מורא, ס׳איז דאָך אַ דבר־שבקדושה? נאָר כ׳האָב זיך עפּעס געשראָקן פאַר איהר! נישט דאַדורך וואָס כ׳האָב זי נישט ליעב געהאַט, ווי קאָן מען דאָס נישט ליעב האָבען איינס פון די שענסטע און הייליגסטע נאָמס ברואים?... פערקעהרט, כ׳האָב זי שטאַרק ליעב געהאַט, און טאַקי דאַדורך האָב איך מורא געהאַט?... פאַר אַ שונא איז קיין מורא נישטאָ, און איך האָב באמת קיינמאָל קיין מורא נישט געהאַט פאַר׳ן יצר־הרע! אַ הייליגע גמרא איז דאָ? אַ חסידיש ספר איז דאָ? — געניג!... אַנדערש איז אָבער מיט דער לבנה; אָט, די קדושה איהרע, די אַהבה, פאַר דאָס האָב איך מורא געהאַט — עפּעס האָט זיך מיר שטענדיג געדוכט, אַז זי ווינקט צו מיר, רופט מיך צו דער מיהל... און איינמאָל האָב איך טאַקי געהאַט בטול־תורה דאַדורך!...

דער פסח האָט זיך צוגערוקט אין גאַס און אין דער שטוב; אין גאַס האָט דער רבונו של עולם, כביכול, די וועלט געכשר׳ט, און אין שטוב דעם שוועריס אַ שוועסטער, אַן־אַלטע יודענע, אַן־אַלמנה, וועלכע האָט גע׳פסח׳ט בײַם ברודער, מײַן שווער, ז״ל.

אַ טאָג פאַר ערב־פסח איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע צום שווער פון ראַוועי, אַ שטעדטעל דערנעבען, ער זאָל קומען צופאָהרען — דער פאָטער איז איהם געפעהרליך קראַנק. ער האָט עס אונז נישט דערצעהלט, ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער מוז אַוועקפאָהרען וועגען אַ חשוב ענין, און אפשר וועט ער נישט קענען זײַן די ערשטע טעג אין דערהיים.

כך הוה, איך בין געבליבען דער מלך און געפיהרט דעם סדר! מילא, וואָס זאָל איך זאָגען?... געוועהנליך איז עס מיר נישט אײַנגעגאַנצען ניחא געוועןֹ... דאָך בין איך געוועזען צופריעדען — כ׳האָב זיך געפיהלט ווי אַ מלך אינ׳ם ערשטען טאָג פון זײַן מלוכה.

ס׳איז געקומען צום סדר בין איך געוואָרען אַ ביסעל צומישט. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס ס׳וועט זײַן מיט דער „קשיא"... איך האָב פערשטאַנען, אַז זי, חנה׳לע, מוז שטענדיג פרעגען דעם פאָטער די „קשיא" — אַ בת־יחידה!... און אַז זי זאָל מיך פרעגען, איז מיר עפּעס געוועזען נישט גלאַטיג... איך האָב גאָרנישט געזאָגט, כ׳האָב געוואַרט און, אַז כ׳האָב געזעהן, אַז זי זיצט שטיל, די אויגען אַראָב געלאָזט, האָב איך אַליין אָפּגעזאָגט „מה־נשתנה" און געזאָגט די הגדה...

איך האָב געפיהרט דעם סדר: געטיילט מרור, חרוסת און געגאָסען כוסות ווי אַן־אמת׳ר מלך... אין אָנהויב איז בײַם טיש געוועזען שטיל, מ׳האָט קיין וואָרט נישט גערעדט... כ׳האָב אָנגעקוקט איהר פנים — דו האָסט שוין געזעהן אַמאָל, ווי שטיקלעך וואָלקענס זעהען אויס אויף מערב זײַט פאַרנאַכט, ווען די זון געהט אונטער? אָט אַזוי האָט איהר פנים אויסגעזעהן... איך האָב דאַמאָלס פערשטאַנען דעם טײַטש פון די ווערטער: ובושת פנים לגן־עדן...

אינמיטען דער סעודה, האָט זי, חנה'לע, זיך אָנגערופען, האַלב צו דער מוהמע און האַלב צו מיר: „וואוהין האָט דער טאַטע געקענט פאָה־רען? ... עפּעס שרעק איך זיך"... איך האָב בשעת־מעשה געזעהן, אַז זי האָט דערפון גרוים צער און ס'איז מיר געווען אַ שאַד... האָב איך דערצעהלט מיט אַזאַ קול, ווי כ'וואָלט געוואוסט געניי, אַ גאַנצע מעשה וועגען אַ הארבע שאלה און, כ'האָב זיך משתדל געווען זי צו בערוהיגען...

מ'האָט גומר געווען די סעודה, אָבגעזאָגט הלל און שיר השירים. אַזוי לאַנג ווי כ'לעב האָב איך נאָך נישט געזאָגט אויף אַזאַ אופן שיר־השירים. יעדעס הייליגע וואָרט האָט פאַר מיר ווי געלעבט, ווי געשיינט פאַר די אויגען...

די ליכט האָבען שוין געצאַנקט. די לאָמפּ אַליין האָט געברענט אויף דער ספרים־שאַנק. און ווי זי וואָלט אויך מיעד געווען פון דעם „סדר" האָט זי גאַנץ שוואַך געלויכטען... זי, חנה'לע, האָט אויפגעוועקט די מוהמע, וועלכע איז איינגעשלאָפען אויפ'ן טיש. זי זאָל זיך אַריינגעהן לייגען, און זי אַליין איז אויך אַריינגעגאַנגען, און שטיל צו מיר געזאָגט: אַ „גוטען יום־טוב" און בשעת־מעשה האָט אויף איהר בלאַס פּנים געריהט דער עמוד־האש. איך בין איבערגעבליבען אין דער „בית־דין שטוב". (דאָרט בין איך געשלאָפען).

איך בין געבליבען זיצען אויף מיין אָרט און אין קאָפּ האָבען געשוועבט פערשיעדענע חלומות. כ'האָב געוואָלט זעהען דעם ע ת י ד, וואָס ס'וועט זיין אין צעהן פינפצעהן יאָהר אַרום, ווען כ'וועל פיהרען דעם „סדר" מיט א י ה ר, און ביים טיש וועלען אַרום־זיצען קינדערלעך... כ'האָב זיך אינמיטען דערמאַנט, אַז ביפערברענג די צייט, וועלכע נאָט האָט מיר געשענקט מיט הוללות, מיט נאַרישע מחשבות האָב איך זיך גענומען אַ ספר'ל אַריינצוקוקען... נאָר די מחשבות זענען ווי אַראָב פון דעם שאַסיי, און זיי שוועבען איבער הרים וגבעות... די אותיות אינים ספר'ל פינקלען ווי שטערען, און איך קאָן זיך נישט מתגבר זיין איבער זיי... איך האָב געפיהלט, אַז דער קאָפּ איז מיעד, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פענסטער. דער הימעל האָט געהאָנגען ווי אַ בלוי־זיידען פרוכת און די לבנה האָט צו מיר געקוקט, ווי זי וואָלט זיך ביי מיר געבעטען כ'זאָל אַ־ויסגעהן... איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך האָב אַ ביסעל מורא געהאַט פאַר דער לבנה, און כ'וואָלט זיכער נישט אַרויסגעגאַנגען, נאָר ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען די גאַנצע צייט, אַז נישט די לבנה, נור זי, ח נ ה' ל ע, מיט איהרע ריינע כשר'ע אויגען רופט מיך... און כ'האָב געמוזט אַרויסגעהן! ...

כ'בין אַ־ויסגעגאַנגען, ריחות־טובות פונ'ם ליל־שמורים האָבען מיך מקבל־פּנים געווען, און ווי אַ שיכור האָב איך זיך געזעצט אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען פאַר'ן פענסטער, וואו זי איז געשלאָפען.

די לבנה האָט מיך גובר געווען! —

איך בין אויף דער באַנק געזעסען, און דאָך האָב איך מיט דער לבנה אין די הימלען געשוועבט, עפּעס ווי כ'וואָלט גע'חלומ'ט בהקיץ. כ'בין געפלויגען איבער וועלדער און בערג, שטעדט און מדינות. כ'האָב געזעהן גרויסע פּאַלאַצען, און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז כ'בפליה אויף אַנ'אָדלער אין די מרחקים. דאָרט וואו

אַלכּסנדר מוקדון איז געווען...

און נישט אַליין בין איך געפלויגען — מיט הנה'לען... צוזאַמען זענען מיר געפלויגען. איך בין געווען אלכּסנדר מוקדון און זי — מיין ווייב...

דאָס איז געווען „מעשה להשים" פונ'ם שטן, וועלכער האָט מיך געוואָלט אַראָבפיהרען פונ'ם רעכטען וועג... און אפשר איז עס גאָר געווען אַ נסיון...

און וואָס אַמאָל בין איך העכער און וויטער געפלויגען, ביז מיר זענען צום ים הקרח געקומען — און מיר האָבען שוין געזעהן דאָס גן־עדן התחתון...

ווער ווייס ווי לאַנג דאָס וואָלט אַזוי געדויערט... נאָר אינמיטען, שוועבענדיג איבער'ן ים הקרח, האָב איך עפּעס געהערט, ווי מלאָכים וואָלטען מיך אויף דער ערד אַראָבגערופען, און אַלי׳ך איז נעלם געוואָרען...

איך האָב זיך אַ קוק־אויס געגעבען — — — נישט ווייט פון מיר איז זי געשטאַנען. בלאַס ווי די לבנה, להבדיל... אַ טיכעל אַרום געהילט איבער איהרע אַקסלען, און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז איהרע שוואַרצע לאַנגע האָר זענען מתפלל...

זי האָט מיך גערופען:

— אַ ב ר ה ם... אַברהמ'ל שלאָפסט נאָך נישט? כ'האָב זיך דערשראָקען זעהענדיג דורכ'ן פענסטער, אַז עמיצער זיצט... דאָס קול איהרס האָט געציטערט ווי, למשל, אַ יונג בוימעלע... כ'האָב איהר געוואָלט ענטפערן, נאָר איך האָב נישט געקענט... כ'האָב געפיהלט, אַז ס'איז פּרחה נשמתי פון שרעק מיט עונג...

זי, אָבער, איז צו מיר נעהנטער צוגעקומען:

— אוי ווי בלאַס אַברהמ'ל איז!... דער קאָפּ טוהט אַברהמ'לען וועה?...

איך האָב זיך געשטאַרקט און איהר געענטפערט:

— ניין... גלאַט אַזוי... כ'האָב ליעב צו קוקען אויף דער לבנה... זי דערצעהלט גבורת הבורא...

זי איז נאָך נעהנטער צוגעגאַנגען און געזאָגט שטיל ווי אַ ווינדטעל:

— איך האָב אויך ליעב די לבנה... דער טאַטע זאָגט, אַז די לבנה דרעהט זיך אַרום דער וועלט... אַברהם וויל זיך לייגען שלאָפען, צי נאָך זיצען אַ ביסעל און קוקען אויף דער לבנה?...

איך וועל נאָך זיצען... האָב איך געענטפערט, און געפיהלט, אַז אינ'ם האַרצען ביי מיר שפּאַלט זיך אַ ים און אין די אויערען שפּיעלט עפּעס און זינגט...

און די לבנה קוקט אויף אונז. איין קוק אויף מיר, איינעם — אויף איהר... היינט פערשטעה איך, אַז דאָס איז געווען אַ התראה. זי האָט אונז געוואָרענט... נאָר דאַמאָלס האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי ווינקט צו אונז, לאַכט און בעט זיך עפּעס. איך האָב אַפילו געפיהלט, אַז כ'קאָן דאָ אַריינפאַלען אין אַ נעץ... כ'בין, אָבער, שוואַך געוועזען, ווי מען וואָלט מיר דעם כח צוגענומען...

כ'געדענק נישט צי האָט זי זיך אַליין אַנידערגעזעצט, צי האָב איך זי געהייסען זעצען, איין זאַך קאָן איך נור זאָגען, אַז איהר אַנידערזעצען זיך איז געווען ריין, מיט קדושה, אָהן שום שמץ, חס ושלום... איך קאָן עס דיר נישט געבען צו פערש־

שטעהן, איך אליין, אָבער, פיהל עס...

איך בין איינגעשלאָפען פון א הייליגער מתיקות, און איך האָב געחלומ׳ט, אַז מיין נשמה איז פונ׳ם גוף אַרויס און אין הנה׳לען אַריין, און מיר וואוינען צווישען די וואָלקענס און שוועבען מיט דער לבנה אין גן־עדן התחתון, וואו דער גאנצער אַויר איז אָנגעפולט מיט שמעקענדיגער ליכט. פון דאָרטען שוועבען מיר ווייטער, ווייטער, ביז מיר קומען צווישען צוויי בערג, ערגעץ־וואו אין סוף וועלט, אויף מערב־זייט, וואו די זון נעכטיגט איבער די נאַכט... און ס׳איז וואַרעם, אַ גן־עדן וואַרעמקייט, פיל מתיקות...

אַ הונד האָט אַזוי לאַנג געבילען ביז כ׳בין אויפגעקומען -- פון הימעל האָט מען מיך געוואָלט היטען...

אַז כ׳האָב זיך אויפגעכאַפט, האָב איך זיך אינ׳ם פלוג דערשראָקען און ס׳איז מיר ענג געוואָרען: מיין קאָפ איז אויף איהר געלעגען, צוגעדעקט מיט איהר קאָפ־טיכעל, און זי האָט מיך מיט איהרע הענד געהאַלטען... כ׳האָב זיך אינ׳ם פלוג שטאַרק דערשראָקען — עפּעס אַ דבר־קטן?!... נאָר כ׳האָב זיך באַלד אַליין דערמאַנט, און כ׳בין רוהיג געוואָרען; כ׳האָב געוואוסט, אַז ס׳איז נישט, חס ושלום, קיין שלעכטע כונה געווען דערביי... און כ׳האָב געדאַנקט דעם רבונו של עולם וואָס ער האָט מיך אויפגעוועקט... יעצט האָב איך זיך געפיהלט שטאַרקער און, האָב אויף דער לבנה נישט מעהר געקוקט...

— איך וויל זיך אַריינגעהן לייגען... — האָב איך צו איהר געזאָגט.

— ס׳איז אַברהמ׳לען קאַלט?... האָט זי מיך געפרעגט, און גענומען מיין האַנד און אַיינגעוויקעלט אינ׳ם טיכעל וואָס זי איז נעגאַנגען פערהילט...

ניין... — האָב איך געענטפערט, — ס׳איז שפעט...

מיר זענען אַריינגעגאַנגען...

אין „בית־דין שטוב“ האָט די לאָמפ שוין נישט יעברענט, נאָר פינסטער איז נישט געווען; די גאַנצע שטוב, דאָס בעטעל, די ספרים האָבען זיך געשוב׳לט אין אַ נהר־די־נור. די לבנה האָט עס בעגאָסען מיט איהר אור הבהיר...

זי, חנה׳לע, האָט מיר געבעט דאָס בעטעל, און איך האָב זיך אומגעדרעהט. כ׳האָב מורא געהאַט צו קוקען אויף איהר!... כ׳ווייס נישט, צי דו קענסט דאָס טרגיש זיין, איך זאָג דיר. כ׳האָב מורא געהאַט כ׳זאָל נישט נכשל ווערען אין עבודה־זרה... זי האָט אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ גאָט׳ס זאַך, אַנ׳אלהות!... איך האָב געזעהן בחוש, אַז די לבנה איז איהר קושר כתרים, פלעכט זילבערנע קרוינען אויף איהר קאָפ, מיט די תלתלים פון א הייליגען נזיר... איך האָב געפיהלט, אַז די נשמה מיינע וויל מתפלל זיין צו איהר... איך האָב מורא געהאַט צו קוקען אויף איהר, און בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט. נאָר די לבנה האָט אַריינגעקוקט גלייך אין פענסטער אַריין און האָט מיר איהר, חנ׳ה׳לעס, פנים געוויזען און גערופען מיך ברמז... כ׳האָב געפיהלט, אַז כ׳ווער שוואַך, די פיס וואַקלען זיך אונטער מיר, עפּעס אַ שכרות איז מיך בעפאַלען... האָב איך זיך שנעל אַוועק געקעהרט פון פענסטער. נאָר דאָ האָב איך איהר פנים דערזעהן, און — מרא דעלמא! — איך האָב איצט אויך די לבנה דערזעהן... אויף איהר פנים... נאָך הייליגער, צנועה׳דיגער ווי

יענע אויפ'ן הימעל... און די דאָזיגע לבנה האָט אויך צו מיר גערעדט ברמז, נע־װאונקען און גערופען מיך אזוי היימליך, זאכט און שטיל... איך האָב די הימלען אויך געזעהן! — אין איהרע אויגען... און נאָך טיעפערע פון יענע — אמת'ע תכלת!... און כוכבים און מזלות האָבען פון זיי געקוקט אויף מיר און גערעדט...

פאַר די אויגען האָבען אָנגעהויבען צו שװעבען גאַנצע װעלטען... ש"י עולמות אין יעדער רגע... און דאָס האַרץ האָט זיך אָנגעהויבען װיעגען, ווי איבער א תהום צווישען צוויי בערג. כ'האָב געפיהלט, אז ס'איז נישט גוט, — כ'בין שװאַך, כ'וועל פאַלען פאַר איהרע פיס... בין איך צום טיש צוגעלאָפען, אָנגעגאָסען א גלאָז ווייַן און אויסגעטרונקען...

מעשי שטן! — כ'האָב גאָר פערגעסען, אז נאָך די כוסות טאָר מען נישט טרינקען...

כ'האָב געטרונקען, און דער ווייַן האָט מיך אין אָנהויב א ביסעל געקיהלט... זי האָט זיך דערשראָקען, איז זי צו מיר צוגעגאַנגען און געפרעגט שטיל ווי א סוד:

— וואָס איז אַברהמ'ילען?...

כ'בין פערשעמט געוואָרען, כ'האָב זיך געפיהלט ווי אויסגעגליטשט, און האָב איהר געענטפערט:

— גאָרנישט, דאָס האַרץ טהוט מיר א ביסעל וועה...

זי האָט מיר אָנגעגאָסען נאָך ווייַן, און מיט איהר האַנד מיר צום מויל צוגעגעבען... איך געדענק, אז מיט אזאַ רחמנות האָט מיר אַמאָל די מאַמע איינגעגעבען א רעצעפט, ווען כ'בין קראַנק געוועזען...

כ'האָב געטרונקען און בין דערטרינקען געוואָרען! —

אין די אויערען האָט מיר אָנגעהויבען קלינגען ווי מיט דינע שטילינקע גלאָ־קען... פאַר די אויגען האָבען געטאַנצט שטערען און הימלען, זונען און לבנות... פייַכלעך און וועלדלעך האָבען זיך אין דער לופט בעוויזען און פערשוואונדען...

ס'דוכט זיך מיר, כ'האָב איהר אויך געגעבען צו טרינקען...

כ'האָב געשוועבט אין די לופטען, צווישען שמעקענדיגע ריחות און בשמים... כ'האָב די ל ב נ ה זיך אין בוזעם אַרייַנגענומען און געפלויגען איבער מדינות פון פייַער, וואו פייגעל פון לויטערע פלאַמען האָבען שירות ותשבחות געזונגען... און הימלען פון פייַערדיגען ספיר האָבען זיך איבער מייַן קאָפּ געוויעגט — — —

איך בין אין גן־עדן התחתון געקומען, און דאָרט האָט מיך די שכינה אָבגעוואַרט און מיר א קוש אין קאָפּ געגעבען... און אפשר איז זי דאָס, חנהלע, נשמתה עדן, געוועזען... פייגעל און מלאָכים זינגען, און מיר באָדען זיך אינים טייַך פון די נשמות נעבען עץ החיים...

— — — — — — — — — — — —

אוי! מיר זענען נכשל געוואָרען...

כ'ווייס אפילו, אז ס'איז נישט געוועזען קיין בלויסע זינד, ס'איז נעמישט געוועזען מיט קדושה — איך פיהל עס... דאָך, איז מיר מייַן גאַנץ לעבען ביטער געוועזען...

חנהלע עליה השלום האָט עס מרגיש געוועזען, און פלעגט מיר שטענדיג

זאָגנצן, ווען, כ׳בין נאָר אַרייַנגעפֿאַלען אין עצבות:

— זאָרג נישט אַזויפֿיל, אַבֿרהמ׳ל, גאָט איז מוחל, אַז מ׳מיינט נישט, חלילה, קיין שלעכטץ... מיר האָבען דאָך נישט געמיינט צו זינדיגען...

אַנ׳אמת׳ע יודישע צנועה...

מיך שרעקט דאָס אָבער! נישט פֿאַר מיין נשמה האָב איך מורא — איך וויל ליידען!... נאָר איהר נשמה... זי איז אַ הייליגע, אַ גרויסע נשמה... מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק איז זי נפֿטר געוואָרען...

אַ פּאָר מינוט פֿאַר דער פּטירה, האָט זי מיך נאָך פֿאַר דער באָרד גענלעט און געזאָגט צו מיר:

— אַבֿרהמ׳ל, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיך נישט אַזויפֿיעל מצער זיין אויף יענער סדר־נאַכט... מיר האָבען דאָך נישט געמיינט קיין שלעכטץ... איך וועל זיך מיהען פֿאַר דיר... זאָג מיר צו...

איך האָב איהר צוגעזאָגט, און איהר נשמה איז אַוועק תחת כנפֿי השכינה...

איך וואָלט מיין הבטחה געהיטען, איז אָבער, ווען כ׳געה אַרויס און דערזעה די לבנה, זעה איך ווי איהר נשמה ליידט... און נאָך פֿיעל, וועהר פֿיעל דערצעהלט מיר די לבנה און שרעקט מיך..

אָך־אָך־אָך... יענע סדר־נאַכט...

הימלען.

(דערצעהלט פון א חסידישען יונגענמאן).

... כ'מיין באמת, איהר זענט דאָך ביז מאה ועשרים שנה, עלטער פון מיר אָהן עין הרע, איינער פון די געציילטע יודען, אַ תלמיד־חכם, אַ קלוגער, כ'בעט אייך, האָט נישט פאַראיבעל, כ'דאַרף אייך עפּעס פרעגען, אַ שאלת חכם, אַ גרויס ענין... ס'איז מיר מיין גאַנץ לעבען נוגע, מיין תוך־תוכי, כ'מוז עס וויסען... כ'מוז עס וויסען... זאָגט מיר, כ'בעט אייך — אוי, וואָס זענען די הימלען?

איהר קוקט מיך אָן, איהר זענט מיך חושד, אַז כ'בין, חלילה, פון זינען אַראָב... איהר קענט נישט משיג זיין, אַז אַזאַ יונגערמאַן ווי איך, נישט קיין עם־הארץ, און געווען, דוכט זיך, מעהר ווי איינמאָל ביי „איהם זאָל לעבען", זאָל פרעגען אַזאַ גראָבע שאלה; איהר מוזט מיך, אָבער, פערשטעהן. איך ווייס גאַנץ גוט דעם פירוש פון די ווערטער: השמים שמים לד'... איך בין, חלילה, פון גלייכען וועג אויך נישט אַראָב. אלא, וואָס דען? ס'טרעפט זיך אַמאָל, אַ מענש לערנט אָב זיין גאַנץ לעבען אַ פסוק, אַ פשוט'ען פסוק, שטענדיג איהם פערשטאַנען, געוואוסט דעם טייטש, און מיט אַמאָל ווערט דער מוח, לא עליכם, ווי מטושטש און הערט אויף צו פערשטעהן דעם איינפאַכען פשט. מיט'ן מויל פערשטעהט ער אפילו — קאָן דעם פסוק „פערטייטשען"... נאָר אינעווייניג, ערגעץ אין האַרצען אָדער אין מוח זיצט עפּעס אַ „מקשן", אַ פרעגער און האַלט אין איין שאלה'נען, אין איין קשיות שטעלען און דער מה וויל זיך שפּאַלטען, און דאָס האַרץ צורייסען!... און קיין עצה קאָן מען זיך נישט געבען, אָט דוכט זיך: ס'איז דאָך אַזוי פשוט און קלאָר ווי דער טאָג, און אָט דוכט זיך... נאָר וואָס וועט אַרויסקומען פון רעדען? כ'וועל אייך ליעבער די זאַך אַליין דערצעהלען, וועט איהר שוין ס'ענין ממילא פערשטעהן

ווי איהר זעהט בין איך נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. ס'איז נאָך קיין דריי יאָהר נישט אַוועק, זייט כ'בין פון דעם ישיבה אַרויס און התונה געהאַט.

אַז כ'האָב התונה געהאַט, האָב איך געמיינט, אַז קיין גליקליכערער מענש פון מיר קאָן גאָר אויף דער וועלט נישט זיין! נישט מהמת כ'האָב גענומען אַזויפיעל נדן, ניין, דאָס דוקא נישט, כ'האָב אפילו קיין קעסט אויך נישט גענעסען — אַני־אָרימער שווער געווען. דערפאַר האָב איך אָבער געקריגען אַ ווייב — אַ אַמת'ער כשר'ער זיווג! ווען איהר זאָלט זי קענען, וואָלט איהר אַליין געזאָגט, אַז אַזעלכע ווערען אויף דער וועלט ווינציג געבוירען... ס'איז גאָר קיין וואונדער נישט, אַז זי איז אַוועק פון דאַנען... זי איז באמת נישט געווען פאַר דער וועלט — אַ גרויסע נשמה געווען. אַ נשמה קדושה... נישט פון אַ פשוט'ע יורענע — זיכער אַ ניצוץ פון די הייליגע אמהות...

וואָס ווייסט איהר, וואָס זי איז געווען!... וואָס ווייסט איהר!... אַ רוחניות־זאַך!... אַ האַרץ האָט זי געהאַט פון אַ מלאָך, אַ שטילע טויב, אַ הייליגע, האָט קייןמאָל קיין הויך וואָרט נישט אַרויסגערעדט... אין איהרע אויגען האָט מען דער־

קענט, אַז זי איז אַ הייליגע... איהר לשון איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש, נישט פון קיין פּשוט׳ען מענש ווי מיר פּראָסטע... און קלעהרט איהר נישט אמאָל, אַז זי האָט זיך דאָדורך גרויס געהאַלטען? חס ושלום! איהר ענווה איז געווען אין לשער. זי האָט מ׳יך גאָר גרויס געהאַלטען, זי האָט מיר אַזוי געהיטען דעם טריט, אַזוי אַכטונג געגעבען אויפ׳ן הויך וואָס געהט מיר פון מויל אַרויס, אַזוי ווי א׳יך וואָלט גאָר געווען זי!... שטענדיג איז זי נעבען מיר געזעסען... האָב איך גאָר אַ קרומע מינע געמאַכט, האָט זי מיר שוין דעם שטערן בערי׳הרט... איך קאָן אייך גאָר אַזויפיעל נישט זאָגען, נאָר גלויבט מיר, כ׳וואָלט נישט געטוישט איין פאַרנאַכט מיינעם, ווען כ׳פלעג מיט איהר ביים פענסטער זיצען, פאַר די גרעסטע אוצרות אין דער וועלט — ס׳איז געווען אַנ׳אמתי׳ער תענוג.

זעהט איהר, אַזאַ מענש... זי האָט דאָך זיכער קיינמאָל, אויף דעם קלענסטען חטא נישט עובר געווען — ס׳איז גאָר נישט מעגליך געווען זי זאָל זינדיגען אָדער עמיצען שלעכטי׳ך טהון!... מילאָ א׳יך, פאָרט נאָר אַ בשר ודם... אָבער זי?!... טאָ אין וועמענס חטאים האָט זי געקענט נענש ווערען, אַז נישט אין מיינע?

זי איז קראַנק געוואָרען... אַז זי איז אויפ׳ן בעט געלעגען, האָב איך ערשט געזעהן ווי גרויס זי איז געווען... ווי אַנ׳אמת׳ער מלאך האָט זי אויסגעקוקט... זי האָט זיך געהייסען מיט׳ן בעט צום פענסטער צושטעלען... כ׳וויל אָנקוקען די הימלען — האָט זי געזאָגט... זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט שטאַרבען — זעה נור אַברהם׳ל האָט זי צו מיר איינמאָל געזאָגט, דאָרט אין די בלויע הימלען, וואו די זון שפּאַצירט, וועלען מיר זיך ווידער טרעפען... מיר וועלען דאָרט אויך זיין מאַן און ווייב.. פאַרנאַכט וועלען מיר דאָרט אויך ביי יענע פענסטער זיצען און קוקען, קיקען ווייט ווייט אין דער וועלט אַריין... און ביי די ווערטער האָבען פון איהרע ליכטיגע אויגען אָנגעהויבען צו פליעסען טרערען... און זי האָט מיך אָנגעהויבען קושען...

זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט שטאַרבען; די גאַנצע צייט פון דער קרענק האָט זי נור אויף די הימלען געקוקט, ווי איינער, וואָס קוקט, להבדיל, זיין נייע דירה אויס... איינמאָל, ווען כ׳בין ביי איהר בעט געזעסען, האָט זי צו מיר אַזוי געזאָגט: איך געה אַוועק פון דאַנען, ערגעץ־וואו אין ווייטע וועלטען... כ׳וויים אַליין נישט וואו... מיר וועט דאָרט אַזוי באַנג זיין אָהן דיר... אַז ס׳וועט קומען פאַרנאַכט וועל איך אַזוי בענקען...

איך האָב געפיהלט, אַז מיין גרויס אינגליק רוקט זיך צו און כ׳האָב אָנגעהויבען צו וויינען און זי האָט מיך מיט איהר הענדטעל געגלעט און מיך געפרעגט: אַברהם׳ל מיט וועמען וועסטו חתונה האָבען?

דאָ האָב איך שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען און האָב אָנגעהויבען אַזוי צו וויינען, אַז ווען נישט זי, וואָלט איך זיכער געשטאָרבען פון געוויין...

— איך וויל נישט חתונה האָבען — האָב איך געוויינט — לעבען וויל איך מיט דיר צוזאַמען... און ווייבאַלד דו וועסט, חלילה וחס, שטאַרבען, בין איך אויך שוין אַ מת, וויל איך מעהר קיין איין מינוט נישט לעבען...

זי האָט מיר מיט איהר הענדטעל דאָס פּנים געגלעט:

— נאַרעלע — האָט זי מיר געזאָגט — שטאַרבען, שטאַרבט מען נישט,

ווען מען ווִיל, נאָר ווען מען מוּז... דו וועסט בלייבען איינער אַליין... דו מוזט חתונה האָבען...

גלויבט מיר, ווען מ'שטעקט אַריין אַ מענש אין האַרצען דינע לאַנגע שפּיזע טוהט נישט אַזוי וועה ווי די ווערטער האָבען מיר געטהון!

איך האָב אָנגעהויבען תהלים זאָגען, טאָג און נאַכט האָב איך תּפלה געטהון צום רבונו של עולם, ער זאָל איהר דאָס געזונד צוריק געבען. דעפּעשען זענען גע-פלויגען צו „איהם זאָל לעבען"; מילא, פאָהרען — האָב איך דאָך נישט געקענט זי אַליין לאָזען — ס'האָט אָבער נישט געהאָלפען! —

די לעצטע נאַכט איז אָנגעקומען... אין דער שטוב האָט זיך ממש געהערט דאָס שטומע געשוועב פון מלאָכים... מיר דוכט זיך איצט, אַז כ'האָב געזעהן, ווי איבער איהר בעט זענען פערשפּרייט געווען אַ פּאָר ווייסע פליגעל פון אַ מלאך... איך בין אויפ'ן בעט געזעסען און זי האָט מיין האַנד אין איהרע געהאַלטען, און אין פענסטער האָט אַריין געקוקט עפּעס נישט מענשליכעס, מיה-שחורה'דיגעס, ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז די אַלע אָבענדען, וואָס כ'בין מיט איהר ביים פענסטער געזעסען, שטעהען אויף דער צווייטער זייט פענסטער, רוקען זיך איינס צום צווייטען און קוקען צו אונז אַריין מיט שרעק און פחד... זיי סוד'ען זיך און האָבען מורא...

און דאָ ביי איהר זעה איך, ווי בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז פערלאָזט די נשמה דעם גוף, האָטש אין אמת'ן איז איהר גוף אויך אַ נשמה געווען... איך האָב געפיהלט, ווי מ'ציהט פון איהר דאָס חיות אַרויס... און וואָס האָב איך געקענט טוהן?... גאָרנישט! איך זיץ און קוק ווי מ'נעמט מיר אַוועק דעם תמצית פון מיין לעבען און דאָ קאָן איך גאָרנישט טוהן... איך האָב מרגיש געווען, אַז עפּעס איז דאָ אין שטוב, וואָס נעמט מיר מיין חיה'לע צו — איך האָב געוואָלט דעם סוף'ט צוריי-סען, די גאַנצע שטוב צוהאַקען... נאָר איך האָב מיך נישט געקענט אַוועקריהרען פון איהר בעט... און זי — וואָס אַמאָל שוואַכער, שוואַכער... רעדט עפּעס אַזעלכעס וואָס איך פערשטעה נישט, נאָר כ'הער פון זיי אַרויס די ווערטער: אַבּרהמ'לע, אַברהמ'לע... כ'האָב זי אָנגעהויבען קושען — כ'האָב געמיינט, כ'וועל זי מיט דעם דערהאַלטען... נאָר אויף די ליפּען זענען איהר די קיש פערגליווערט געוואָרען... אַ הויך האָט זי געגעבען און איהר נשמה האָט זיך געטיילט פון גוף...

וואָס יענע נאַכט איז געווען, געדענק איך נישט גענוי; כ'האָב געוויינט' געשריגען, כ'האָב די שויבען אויסגעהאַקט, עפּיס אַזוי, ווי כ'וואָלט זיך מיט דעם גוקס געווען אָן מלאך־המות.. כ'האָב ווי אָבגעזאָגט — כ'האָב גערעכענט, כ'וועל שטאַרבען... נאָר גאָרנישט —ס'איז אַלץ געבליבען ווי פריהער! זי ליגט אַ טויטע... דער מלאך־המות שטעהט אויף דער צווייטער זייט פענסטער און קוקט מיט זיינע פינסטערע אויגען אין די אויסגעהאַקטע שויבען, און איהר צוקאָפּענס ברענען צוויי ליכטלעך ווי נשמות פון יתומים...

אַז אין פענסטער האָט אָנגעהויבען אַריינצוקוקען אַ גרויער, אבל'דיגער מאָרגען האָבען זיך מענשען גענומען צו איהר... איך האָב רעכט נישט געזעהן וואָס מ'טהוט דאָ; מיין מה האָט זיך נאָר מתעסק געווען מיט איין רעיון: וואָס איז לעבען? וואָס איז טויט? וואָס זאָל אַ מענש טהון ווען ער וויל אָבער פאָרט

שטאַרבען — אַז הענגען אָדער טרינקען זיך טאָר מען ניִשט: מאבד עצמו לדעת!...

כ׳האָב זיך געהאַקט קאָפּ אָן וואַנד — ניר חיה׳לע איז גערעכט געוועזן: אַ מענש שטאַרבט, ניִשט ווען ער וויל, נור ווען ער מוז... ווי דער תנא זאָגט: בעל כרחך אתה חי ובעל כרחך אתה מת...

געכאַפּט זיך, וואָס דאָ איז, האָב איך ערשט, ווען כ׳האָב דערזעהן אַרום זיך גרויסע, גרויע הימלען מיט ברייטע, פֿער׳מרה־שחורה׳טע פֿעלדער. פֿאַר מיר און נאָך מיר זענען געגאַנגען מענשען, און אינמיטען — אַ שוואַרצע עגלה, און די פּושקע האָט צוגעקלאַפּט: צדקה תציל ממות ... אָט דאָ האָב איך ערשט מרגיש געווען, וואָס ס׳איז געשעהן! אידר פֿיהלט דעם טעם פֿון אַ קינד, וואָס מ׳גיט פּלוצלינג ביי־נאַכט אַ פֿערוואָרף ערגעץ אויף אַ וויסטען, וויט־פֿערלאָזענעם אינזעל? אָט אַזוינס, האָב איך געפֿיהלט, איז מיר געשעהן.

און וואָס טהוט מען?

גאָרניִשט — אַליץ אַרום שטומט און קוקט.

און מיט מיינע אויגען האָב איך געזעהען, ווי מ׳האָט זי אינ׳ם קבר אַראָבגעלאָזט!... זי, די ריינע, הייליגע בריאה האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ קבר פֿון שוואַרצע ערד! מיט מיינע אויגען האָב איך געזעהן, ווי אַ שלענגעל האָט זיך אינ׳ם קבר געוואָרפֿען — כ׳בין צומישט געוואָרען, אַ גולם איז פֿון מיר געוואָרען, דאָס האַרץ רייסט זיך שטיקערווייז און דער מה וויל פּשוט פֿונ׳ם קאָפּ אַרויסשיסען... כ׳האָב זיך ניִשט געקענט איינהאַלטען און כ׳האָב אַ געשריי געגעבען: כ׳וויל ניִשט!... כ׳האָב איינפֿאַך ניִשט געוואָלט לאָזען קובר זיין, נאָר מיט געוואַלט האָט מען מיך פֿונ׳ם קבר אַוועקגענומען. ס׳האָט ניִשט געהאָלפֿען מיין שרייען וויינען, בעטען, שלאָגען — מ׳האָט זי בעג־אָבען!

כ׳האָב ממש אַליץ פֿערגעסען, דער בן־תורה איז פֿון מיר פֿערשוואונדען און איבערגעבליבען איז ביי מיר אַ פּשוטער נאַקעטער בשר ודם, אַ מטורף׳דיגער פֿון יסורים, וואָס איז די גאַנצע זאַך ניִשט משיג...

כ׳האָב פֿונ׳ם קבר ניִשט געקענט אַוועקגעהן, איך האָב זיך אַנידערגעלייגט דערויף און כ׳האָב באמת געוואָלט שטאַרבען. מענשען האָבען מיך אָבער אַוועקגענומען, יצחק משה האָט מיך ביי דער האַנד אָנגענומען, מיך אויסגע׳מוסר׳ט און געפּרעגט מיך, צי כ׳בין פֿון זינען אַראָב, צי ווייס איך ניִשט, אַז מ׳טאָר ניִשט. אַז דאָס איז אַ גאָטס־זאַך! סוף אדם למיתה — יעדער מענש מוז שטאַרבען, אַזאַ יוד ווי איך דאַרף זאָגען: ד׳ נתן, ד׳ לקח, יהי שם ה׳ מבורך... צי ווייס איך דען ניִשט, האָט ער מיך געפּרעגט — אַז ניִשט אין קבר אַריין האָט מען זי געלייגט?... איהר נשמה געהט צוריק אין הימעל אַריין צו איהר מקור, און אַז זי איז ריין פֿון חטאים, קומט זי אין גן־עדן אַריין . . .

איינגענטליך, זענען דאָך די ווערטער גאַנץ פּשוט׳ע; וועלכער יוד ווייסט ניִשט אַז ס׳איז אַזוי? נאָר, פֿערשטעהט איהר מיך, די רעיונות זענען מיר אין מח ווי פֿערגליווערט געוואָרען און איך בין ניִשט געווען בכח משיג צו זיין פּשוט׳ע פּשטות. אין מיין מח זענען נור אַ פּאָר קשיות געלעגען און האָבען זיך פֿון אָרט ניִשט

געוואַלט רידרען: פאַרוואָס? פאַרוועך? טאָמער האָט זי ליעבער געוואָלט דאָ בלייבען? ווי הייסט, מ׳נעמט זי גלאַט אין הימעל אַריין? טאָ נאָך וואָס האָט געטויגט די גאַנצע זאַך? און נאָך נישט דאָס איז אַלץ, דעם עיקר האָב איך נישט פערשטאַנען, נאָך וואָס האָט מען מיך איבערגעלאָזט, וואָס האָב איך דען דאָ נאָך צו טהון?... — —

איך בין דערנאָך אַרומגעגאַנגען און זיך מתעסק געוועזן מיט איין שאלה: ווי אַזוי שטאַרבט מען? וואָלט איך חלילה אַ גוי געוועזן, הענג איך זיך, טרענק איך זיך און אַ סוף. בין איך דאָך אָבער אַ ייד. האָב איך זיך צום הייליגען תהלים גענומען ביי איהם טרערען פערגאָסען און גאָט געבעטען, ער זאָל מיך אויסלייזען פון דער וויסטער און זינדיגער וועלט...

איך האָב אָן דער גאַנצער וועלט פערגעסען; אַ גאַנצען טאָג פלעג איך ביים תהלים זיצען און ווי ס׳פלעגט אָנקומען דער בין־השמשות, פלעג איך זיך ביים פענסטער זעצען און קוקען אויף די הימלען — דאָרט זיצט זי אין גן־עדן.. זי ווערט בענקען, האָט זי געזאָגט... און דאָס האַרץ, בשעת מעשה, פלעגט זיך אין מיר צאַפּלען און וואַרפען, ביז כ׳בין אַזוי אַנטשלאָפען געוואָרען... און אָפּטמאָל פלעגט זיך מיר אויסדאַכטען, אַז זי קומט צו מיר אין אַ שטיק ריינעם קלאָרען הימעל איינגעהילט, און ווערט גלייך צוריק פערשוואונדען: מ׳נעמט זי צוריק...

טיילמאָל ביינאַכט, ווען כ׳פלעג אויפ׳ן בעט ליגען געגענאיבער דעם פענסטער און פונים הימעל קוקט די לבנה אַריין אַ שוויינענדיגע, אַ בלאַסע, פלעגט מיר דוכטען, אַז זי ווייסט עפּעס פון חיה׳לען צו דערצעהלען... און כאָטש איך ווייס, אַז דאָס איז די פשוטע לבנה, וואָס מ׳דאַרף מחדש־זיין, פונדעסטוועגען קוק איך אַלץ מעהר און מעהר אין איהר אַריין און דערקען טאַקי דעם רמז אָט אין דאָס שמייכעלע איהר׳ס... אַ רמז פון חיה׳לען... טיילמאָל פלעגט זיך מיר דוכטען אַז איך רעד מיט חיה׳לען אַליין, ביז איך ווער אַנשלאָפען. טיילמאָל פלעגען מיך מאָדנע חלומות ביינאַכט פייניגען. למשל איינמאָל, האָט זיך מיר געחלומ׳ט, אַז איהר קבר איז אָפען געוועזן, כ׳האָב אַריינגעקוקט, איז עס געוועזן ליידיג—זי איז דאָך אין הימעל... און אין קבר האָבען אַ גאַנצע מחנה זשאַבעס געטאַנצט... אַז כ׳בין אויפגעקומען בין איך אפילו דערפון געווען שטאַרק צורודערט, נור כ׳האָב מיך געטרייסט דערמיט, אַז כ׳וועל דאָך אויך נישט אייביג לעבען, אַ מיר זענען דאָך עפּעס יודען, און אין הימעל וועלען מיר זיך דאָך טרעפען... כ׳האָב אָבגעגעבען דעם השם־יתברך אַ שבח והודיה, וואָס נאָכ׳ן טויט געהט די נשמה אויפ׳ן הימעל אַרויף און בלייבט נישט איבער אינ׳ם פינסטערען קבר...

וויל אָבער, דער רבונו של עולם אַ מענש ברענגען צו אַ נסיון און ווייזען איהם, אַז ער איז עפר ואפר, איז זיך די זאַך אַזוי מסתעיי מילתא.

איך קום איינמאָל אַריין צו מיין שכן שמואל, זיצט דאָרט עפּעס אַ בחור׳ל און רעדט, אַרבייט מיט ביידע הענד און שרייט:

— איהר זענט בהמות, ווילדע מענשען, איהר פערשטעהט גאָר נישט: קיין הימלען זענען נישטאָ... דאָס איז לופט!...

מיר האָט אָנגעהויבען שווינדלען אין קאָפּ און פאַר די אויגען האָט זיך מיר

ווי בעווייזען אַ גרויער נעבעל, איך בין מבולבל געוואָרען און איהם געפרעגט:

— ווי הייסט? און אַז אַ מענשט שטאַרבט, ווי קומט אַהין זיין נשמה? . . .

— אַז אַ מענש שטאַרבט — האָט ער זיך נאָר צולאַכט —ליגט ער טיעף אין דר'ערד און פוילט . . . און האָט נאָך גערעדט פיעל און ראיות געבראַכט דערצו.

איך בין אַוועק פון דאָרט אַ טויטער... מיר האָט זיך אָנגעהויבען צוזאַמענמישען אין קאָפּ: הימלען... חיה'לע... אַ קבר... און דאָס שלעגנעל, וואָס האָט זיך דאַמאַלס געוואָרפען אין חיה'לעס קבר, האָט מיר נישט געוואָלט פערשווינדען פון די אויגען...

אייגענטליך, זענען מיר דאָך יודען און מיר ווייסען דאָך יאָ, וואָס הייליגע ספרים זאָגען, און יענער בחור'ל איז דאָך פון די „הצונים", פון די, וואָס האָבען נישט חלק לעולם הבא... יעדער יוד ווייסט דאָך, אַז די הימלען זענען טאַקי הימלען... נאָר פערשטעהט איהר.., אין האַרצען שטעכט מאָרגנע און דער מח הערט טיילמאָל אויף משיג צו זיין... און אויף להכעיס לאָזט מיך דער „מקשן" קיין רגע מנוחה נישט און האַלט אין איין שטעלען קשיות... וואָלט עס געווען גלאַט אַזוי, איז גאָרנישט ווייס, איך, וואָס טייטש איז: ודע מה שתשוב... נאָר חיה'לע... איהר פערשטעהט? כ'האָב מורא... ווייס איך, חיה'לע...

כ'בעט אייך, גיט מיר צו פערשטעהן די זאַך קלאָר, נישט נאָר מיט הייליגע ספרים, נאָר אויך מיט חכמה, זייער ניט מיר צו פערשטעהן. כ'בעט אייך, איהר זענט דאָך ביז מאה ועשרים עלטער פון מיר, אַ יוד אַ תלמיד-חכם, אַ קלוגער בעווייזט מיר מיט אותות ומופתים: וואָס ס'זענען די הימלען! ...

חצות.

איבערן צימער איז פערשפרייט א שוואכע, מאַט־גרינלעכע ליכט. דאָס פלעמעל
פונ'ם נאַכט־לעמפּעל וואָס שטעהט אויפ'ן טיש, אויף וועלכען ס'ליגען אָנגעוואָרפען
איינציגע צוזאַמענגעבונדענע גמרות, ווי זיי וואָלטען זיך אויסרוהען נאָך דער שווערער ארבייט
פון בייטאָג, קוקט נישט דרייסט און מיט אַן איינגעהאַלטענעם פחד. אויף איין וואַנד
שטעהען צוויי בעטען אין דער לענג, אויסגעבעט מיט ווייס. ריין בעט־געוואַנד; אויף
איינס פון זיי ליגט רחל'ע אין איהרע בלאָנדע, אינטע־געשוירענע לאָקען זעגען בע־
דעקט מיט א ווייס הייבעל. די גרויסע ספרים־פּאָליצעס וואָס שטעהען אויף דער
וואַנד קעגענאיבער, שפרייטען אויס א לאַנגען שטומען שאָטען, וועלכער שלינגט איין
אין זיך רחל'עס בלייכע פנים׳ זי קוקט אויף איהר וואָווטשען, וועלכער שטעהט
ביים פענסטער און קוקט אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין.
שטיל איז אין שטוב, ווי ס'וואָלט אַלץ אויף אַמאָל אזוי איינגעשלאָפען בנ־
זוארען, יעדעס אויף זיין פּלאַץ.
א מעטאַל־לייכטער טיק־טאַק פונ'ם זייגער לאָזט זיך הערען פון א ווינקעל־
וואַנד, וואָס איז אין שאָטען פערשלונגען, און פערליערט זיך אין דער שטילקייט
פון שטוב — א ווידער־קול פון דער שטילקייט, דער האַרצקלאַפּ פון דער שטומקייט
ביים פענסטער שטעהט וואָווטשע און זיינע שוואַרצע אויגען זענען אין
דער נאַכט־שוואַרצקייט פערגראָבען, ער וויל פון דעם נאַכטישען תהום דעם סוד
אויסגעפינען, זיינע בליקען ווילען דעם חשך אויסשעפּען, דערגרונטעווען דעם צער
פון חצות, וועלכער דאַרף באַלד אָנקומען. און דער חשך פון נאַכט שפּיגעלט זיך
אין וואָווטשעס טיעפע שוואַרץ־אַפּלען און זיינע שוואַרצע בליקען טובליען זיך אין
דער טיעפקייט פון נאַכט־פינסטערניש. און עס קוקען שוואַרצע, שטומע אייביגקייטען
זיך אין די אויגען און קענען דעם פּתרון נישט געפינען.
וואָווטשע וואַרט אויפ'ן חצות, אויף דער רגע וואָס שניידט אַדורך דעם מעת־
לעת אויף צוויי חלקים און די שכינה צעוויינט זיך אין איהר שטילען, טיעפען
טרויער אויפ'ן גלות פון כנסת ישראל און אויף איהר אייגענעם גלות, אין וועלכען
ז'איז נע־ונד צוליעב די זינד פון איהרע קינדער און בעט זיך ביי זיי א תיקון, א
התקשרות, מתעלה זיין, דערהויבען די שכינה דורך די יודען און די יודען דורך איהר...
און ס'איז געגנוג א רגע, איין רגע כמימרא, די גאַנצע וועלט, אלע יודען זאָלען
מיט איין האַרץ מכוון זיין— איין רגע כמימרא, זיך דער־הויבען פון שפלות און ס'וואָלט
געקומען די ריכטיגע גאולה — דער זיווג צווישען דעם חתן מיט דער כלה, ס'פאָלק
ישראל מיט דער שכינה... און וואָווטשען הויבט אָן קלעמען ביים האַרצען אויף
דעם, וואָס די יודען, די בני מלכים, די גרויסע זוהן פון דער שכינה כביכול, האַבדלען,

נאָר מיט הערינג, לויפֿען אַרום אין די גאַסען און ליגען איצט גאַנץ רוהיגע אויף די געלעגערס און זענען פּוגם אין דער שכינה כביכול... וואָלט כאָטש ער אַליין זיך געקענט מתעלה זיין צו דער מדרגה — איז ער, אָבער, נאָר אַ נידריגער בשר ודם... ער דאַרף צירוף, לײַטערען זיך פֿון די הבלי עולם־הזה, אין וועלכע דער שטן פֿער־פּלאָנטעט די יודען!.. די גרויסע זענען געקומען צו דער מדרגה: דער אר״י הקדוש האָט געזעהען די שכינה אויף דער כותל מערבי בבחינת אשה, ר׳ חיים וויטאַל — בבחינת יונה הומיה... ער אָבער, וואָוטשע, פֿיהלט נור דעם צער פֿון דער שכינה, הערט נור איהר טיעף קול־יללה און טוהן קאָן ער גאָרנישט, גאָרנישט טוהן...

וואָוטשע שטעהט בײַם פֿענסטער און זײַן שטומע וועהטיג וואַקסט אין איהם און פֿערפֿלײַצט זיך איבער זײַן גאַנצען מהות. די מחשבות אין קאָפּ וואַקסען אויס ביז שטעכעדיגער גרויסקייט. די בליקען זײַנע יאָגען זיך דורך דעם שוואַרצען נאַכט־תהום איבער בערג און ימען, כרמל און לבנון, צו דער כותל־מערבי, וואו די שכינה וואָנעלט אַרום און וויינט אין זיך...

— — — אַמאָל איז עס אַנדערש געווען: יודען זענען געווען גדולים, דעם קודשא־בריך־הוא׳ס קינדער, אַמאָל. לעתיד־לבא וועט אויך אַנדערש זײַן, די גאַנצע וועלט וועט זיך טובליען אין ליכט, אין אור הנאצל, נאָר היינט, אוי, אוי, היינט — — — די חטאים מאַכען חשך, מאַכען טיעף דעם תהום צווישען אַמאָל און לעתיד לבא...

און וואָוטשע פֿיהלט, אַז ער איז די בריק, ער דאַרף אויספֿילען דעם חלל פֿונ׳ם עבר מיט׳ן עתיד און ער איז אַזוי קליין, אַזוי קליין — — —

— אַביסעל כח, טאַטעשי פֿון הימעל!.. אַביסעל כח...

און מיט יעדער רגע צעוואַקסט זיך דער צער בײַ וואָוטשען אין האַרץ, ס׳וואַקסט בײַ איהם אויס דער צער פֿון דער שכינה. דאָס טיעפֿע געוויין פֿון דער מאַמע רחל, וואָס קיין ילוד־אשה קאָן עס נישט דערהערען, נור הערצער, גרויסע הערצער פֿון צדיקים קענען עס דערפֿיהלען, ווי ס׳גיעסט זיך צוזאַמען מיט׳ן האַרץ פֿון דער שטום־טונקלער נאַכט. און ס׳ווערט בעשאַפֿען איין גרויסע, טיעפֿע וועהטיג וואָס פֿערפֿלײַצט וואָוטשען, די נאַכט, די שטילקייט און די שכינה און פֿערשפּינט און פֿערוועבט זיי אײַנס אין צווייטען — אַ ניגון אָהן טענער, געשרייען אָהן קלאַנג...

אין דער שטילער, טונקעלער טיעפֿקייט פֿון שטוב, אויף ריין־ווײַס בעטגוואַנד, ליגט אַ שטילע, אונרוהיגע — רחל׳יע. אַנ׳אינטערגעשוירענע לאָק פֿאַלט פֿון אונטער איהר ווײַס הײַבעל אַפּיר און ציטערט אויף איהר בלייכען, רונדיגען שטערען, און איהרע צוויי בלויע, קוואַל־ריינע אויגען זענען אײַנגעגראָבען אין וואָוטשען בײַם פֿענסטער. איהרע ברוסטען בעוועגען זיך אונרוהיג, ווי וואַלען פֿון אַ פֿערצוימטען טײַך, וואָס זוכען אַנ׳אויסוועג:

— וואָוטשע איז אַ גרויסער... דער רב זאָגט, ער איז אַ חכשיט... פֿיער וואָכען זענען זיי נאָך דער חתונה... זי האָט איהם די זכיה געהאַט צו קריגען... איין מאָל נור איז ער בײַ איהר געווען — די ערשטע נאַכט... ער האָט מיט איהר ווינציג גערעדט... איינמאָל האָט ער איהר געזאָגט: רחל איז אַ גרויסער־

נאָמען, די שכינה ווערט אָנגערופען „רחל"... איין מאָל נור איז ער ביי איהר געוועזען — ער געהער נישט איהר, ער געהער אַלע יודען... יעדע נאַכט רעכט ער אַב „חצות", און אָפטמאָל וויינט ער ביזן דערפריה — ער איז אַ גרויסער!... און זי שלאָפט מיט איהם אין איין שטוב!... איין מאָל ניר איז ער ביי איהר געוועזען — און זי איז דאָך זיין ווייב!... ביינאַכט איז ער שטענדיג אַזוי טרויעריג און איהר וואָלט זיך איהם דאַמאָלס געוואָלט אַזוי טרייסטען, נאָר וואָס ווייס זי?... איין מאָל איז ער איינגאַנצען ביי איהר געוועזען — און ער איז דאָך איהר מאַן...

זי הויבט אויף דעם קאָפ, וויל איהם זאָגען: וואָוטשע לייג זיך היינט שלאָפען – יעדע נאַכט אויף זיין איז נישט געזונד... איך בין דאָך דיין ווייב... נאָר דער לאַנגער שאָטען פון וואָוטשעס רוקען, וואָס ציהט זיך אויס איבער דער שטובס האַלבפינסטער שרעקט זי אָב, איהר דוכט, אַז דער שאָטען ווינקט צו איהר ישטרענג:

– „שאַ... ער איז אַ ג ר ו י ס ע ר... געהער אַלע יודען"... און זי לייגט צוריק אַנידער דעם קאָפ אויפ'ן ווייסען קישען.

— — — שטיל און איינגעהאַלטען, ווי געוואוינען און געמאָסטען יעדען קלאַנג, קלאַפט דער זייגער אוים צוועלף מאָל:

גלינג... גלינג... גלינג...

וואָוטשע קעהרט זיך שנעל אָב פון פענסטער. האַלבע נאַכט — חצות!

שטיל און טרויעריג ציהט ער די לאַטשען אַראָב און בלייבט אין די ווייסע זאָקען, וואַשט זיך פאַמעלעך די הענד, נעמט מיט אַ זיפ'ץ דעם גרויסען אר"יס סדור און זעצט זיך אויף דר'ערד מיט'ן פנים צו מזרח.

דעם קאָפ לאָזט ער אויף דער ברוסט אַראָב, און פון זיין טיעפער טיעפעניש גיעסען זיך די ווערטער ציטערדיגע, וויינענדיגע אין דער דונקעלהייט פון שטוב אַריין... און די גאַנצע שטוב טרויערט מיט, מיט וואָוטשען אויף גלות התורה, אויף גלות השכינה...

און אויפ'ן בעט ליגט רחליה, און קוקט אויף זיין בלאַס פנים: ער לייידט פאַר אַ ל ע יודען... ווי גערן וואָלט זי אַראָב צו איהם, איהם אַרום גענומען מיט איהרע אָרעמ'ס, און איהם טרייסטען... טרייסטען... אין איהר האַרץ רייסט זיך עפּעס און דער אָטהעם לויפט שנעל און אָבגעהאַקט...

און שטיל און טרויעריג גיעסען זיך די ווערטער פון וואָוטשעס מויל און שלאָגען אָב אין די ווינקעלעך פון שטוב ווי אַ פערבלאָנדזעט ליעד פון אַ כלה אַ יתומה:

„ווי זאָל מען זינגען גאָט'ס ליעד אויף פרעמדע ערד?"...

און וואָוטשע פיהלט און זעהט די פערלאָזענע האַרפּעס, ווי זיי הענגען אויף די ווערבעס ביי די ברעגען פון בבלים טייכען. אויף זייערע סטרונעס איז דאָס יודישע געזאַנג פערגליווערט, ווי די אינשולד אויף די ברעמען פון אַ צום טויט־געשענדעטע כלה... דאָס יודישע געזאַנג, דער שיר פון כביכול, די תורה, וואָס איז אין גלות און קאָן נישט קומען צו איהר מקור..

און וואָס אַמאָל טיעפער און טרויריגער גיעסען זיך די ווערטער און מישען

זיך אויס אין חלל פון שטוב מיט'ן מאָנאָטאָנעם קלאַנג פון זינגער. אַ לײַכטער וואָלקען פון טיעפען טרויער און בענקשאַפט וויעגט זיך איבער'ן צימער און ציטריג פליעסען די ווערטער:

— „וואו איז געגאַנגען דײַן ליעבער, מיט וועלכען דו ווילסט צו די הימלען שוועבען"?

— „איך האָב געזינדיגט און ער איז אין קייטען געפעסעלט... קומט קלאַגען, יאָמערן דערויף... לאָמיר אין וועק זיך היהלען, נעכטיגען אין די נאַסען, אין די מערק"...

און יעדער קלאַנג פון דער ציטערדיגער מעלאָדיע פאַלט אויף רחל'ס פנים ווי אַ טראָפען פון עפעס אַ וואונדערליכען טוי, און רייצען זי. איהרע צווײַ ווײַסע הענד זענען אויסגעשפרייט אין דער מרה־שחורה־דיגער שטומער לופט, אין איהרע בלויע אויגען צינדען זיך פלעמלעך אָן. דאָס האַרץ נאָגט, צוקט און בעט זיך:

— איין מאָל איז ער בײַ איהר געווען... ער איז דאָך, אָבער, איהר מאַן... ער האָט אַזויפיעל צער, איהם טהוט אַזוי וועה... און איהרע ווײַסע אָרעמס עפענען און ציהען זיך אין הלל פון דער שטוב אַרײַן — זי וואָלט איהם אײַנגעשלאָסען אין זיך, זײַן קאָפּ אויף איהר ברוסט געלייגט און איהם געגלעט, איהם געטרייסט — ער איז דאָך איהר מאַן...

ס'צאַנקט דאָס לעמפעל, און אין שטוב, דוכט זיך, פליסטערט אַ שטומעס רוישען, אַנ'אײַנגעהאַלטענעס, ווי אַ טיעפער סוד.

און וואָוטשע איז שוין שטיל. ניטאָ מעהר קיין ווערטער... נאָר דאָס האַרץ ציהט ערגעץ, אין זײַן ברוסט צוגיעסט זיך אַ טיעף־דינעס נאָגען... די שכינה... די שכינה מרויערט — זי איז אין גלות נע ונד... און וואָוטשע זעהט ווי זי שוועבט, שוועבט, וויל זיך ערגעץ אָבשטעלען אויף אַ שפּיץ באַרג, אויף אַ הויכען בוים אין קאָן ניט, ווי די טויב ווען דער מבול האָט די ערד בעדעקט... און ער וויל זיך בעהעפטען אָן דער שכינה כביכול, מיט איהר צוזאַמען וואָגלען... ער שוועבט איהר נאָך... שוועבט אַרום איהר און קען ניט צוקומען צו איהר. — ווײַנע זינד און די זינד פון כלל ישראל שלעפּען זיך נאָך און לאָזען ניט דערשוועבען... אין זײַן האַרץ בענקט, רײַסט זיך... און די אויגען ווײַנע ווער'ען טיעפע קוואַלען פון צער, און קוקען, קוקען אין דער פינסטערניש...

אין דער שטוב איז פינסטער... —

ווי אַ תהום פון וועהטיג און בענקשאַפט וואָלט דאָ בעשאַפען געוואָרען, פון וואַנען ס'קלינגט אָב פון ווײַטע טיעפענישען דער טיק־טאַק פון'ם זינגער...

וואָוטשע זיצט אויף דר'ערד שטום. ס'איז אין איהם געשטאָרבען דאָס הערצען, בלינד געוואָרען דאָס זעהן, דערפאַר איז פערטיגעט און געעפענט געוואָרען דער קוואַל פון פיהלען, ער דערפיהלט די גאַנצע ברייטקייט און טיעפעניש פון וועלטם־רוים, די מענשען זענען פליעגען מיט זייער מאָס און ג־וים און דער רוים אַזוי גרוים, טיעף און ברייט – אין סוף! וועלטען פערליער'ען זיך ווי פינטעלעך... און דער רוים איז אָנגעפולט מיט עצבות־ליכט, מיט'ן אָבשײַן פון דער שכינה'ס, כביכול, אויגען... און אין אין־סוף שוועבט די שכינה אַרום, איז נע־ונד און ברומט ווי אַ טויב... און דאָס ברומען צוגיעסט זיך... טויזענדער וועלטען קאָרטשען זיך פאַר

פחד ווי די קנוילען, הימלען פּיבערען און כמורען זיך און ווערען צעריונען פֿאַר שרעק, זונען און לבנות ווערען כהרף עין פֿערלאָשען פֿון מורא... און די שכינה שווימט איינזאַם, עלענד — אַ יתומה כביכול... וואָוטשע שוועבט איהר נאָך, וויל זיך אין איהר ווייסען פֿליגעל בעהעפֿטען, וויל איהר טרויער טרינקען, אין איהר צער צעגעהן, נאָר קאָן נישט דערגרייכען — הינטען העגנען נאָך ווי אַ משא שטיינער, אַ פּאַק אייגענע און פֿרעמדע חטאים און לאָזען נישט דערשוועבען...

ס'קלעמט דאָס האַרץ און אַ קוואַל פֿון טרערען ברעכט אויס אין איהם און פֿליעסען פֿון די צער־פֿערטיעפֿטע אויגען...

און רחל'ע הערט אויפ'ן בעט ווי איהר וואָוטשע וויינט. אַ ציטער נעהט איהר דורכ'ן לייב אַ דורך, ווי מ'וואָלט איהר אין די אָדערען הייסען, אונרוהיגען ווייַן אָנגעגאָסען... די געדאַנקען אין איהר קאָפּ יאָגען מיט שטאַרקער שנעלקייט און שטויסען זיך איינער אין צווייטען אין אונאָרדנונג:

ער ליידט פֿאַר אַלע יודען, ער איז אַ גרויסער... איהר מאַן — איין מאָל נור איז ער ביי איהר געווען!...

און ווי אויף צו להכעיס פּלאָנטעט זיך אָט דער געדאַנק אַריין אין יעדען אַנדערען! וואָס פֿאַר אַ מחשבה איהר זאָל נישט קומען אין מח, ענדיגט זיך אַלץ מיט: „איין מאָל נור איז ער ביי מיר געווען"... דאָס האַרץ ציטערט און צאַפּעלט, זי קאָן נישט מעהר אויף איהר בעט דערליגען, — און אין שוואַרצקייט פֿון שטוב שלייכט זיך רחל'ע אַ וויַסע, אַ שטילע, ווי אַ חלום...

צו וואָוטשען שלייכט זי זיך. — — — —

און אין דער רגע, ווען וואָוטשע איז שוין געווען נאָהענט, נאָר נאָהענט צו דער שכינה, כביכול, אָט, אָט האָט ער זיך שוין כמעט איהם ריינעם פֿליגעל בעהאַפֿטען, נאָר די חטאים האָבען איהם שווער געמאַכט און נישט געלאָזט דערגרייכען — — ווען זיין האַרץ האָט זיך שיעור־נים צעריסען פֿאַר בענקשאַפֿט און צער — האָט וואָוטשע דערפֿיהלט ווי די שכינה האָט אויף איהם רחמנות געהאַט, איז פֿול ליעבשאַפֿט צו צו איהם, אַרומגענומען און געקושט איהם, און זיי שוועבען, שוועבען — . —

אין בית־מדרש.

(אין בית־מדרש, זייגער עלף אויף דער נאכט. א יאָהרצייט־ליכט פון עמוד ווארפט א נישט־קלאָרע ליכט. שאָטענס צעציהען זיך אין דער לענג און ברייט. ביי איינעם פון די לאנגע טישען אין א פערשאָטענעם ווינקעל זיצען:)

דער בלאסער בחור. (א זיבעצעהן־יאָהריגער מיט גרויסע, אונרוהיגע, בלויע אויגען, און)

דער שווארצער בחור. (דיזעלבע עלטער מיט קליינע שווארצע אויגעלעך. שמועסען טרויליך און נעשפאנט)

דער בלאסער: דו האָסט שוין אליין געזעהן א מת?

דער שווארצער: דער טאטע מיינער.

דער בלאסער: (געשפאנט) אליין מיט זיינע אויגען?

דער שווארצער: געקריגען א פאטש פון איהם...

דער בלאסער: ווי איז עס געווען?

דער שווארצער: א פסול'ע ציצה...

דער בלאסער: (פערקלערט זיך. דאָס יאָהרצייט־ליכט טיקט זיך, צוליעב וועלכען די שאָטענס, דוכט זיך, קריכען.)

דער שווארצער: (מיט א זיכערען טאָן) די מתים איז אויך נישט מקנא צו זיין.. וועלכער מת ווערט דען א מזיק? אזעלכער וואָס האָט נישט קיין רוה, א חוטא... און דער עקר, אזעלכער וואָס האָט געזינדיגט מיט זנות...

דער בלאסער: (איינגעהאלטען) „מגלה עריות" מיינסטו...

דער שווארצער: (מיט חשק) ניין, ס'איז אמאָל געגוג א קוק אויף א בתולה... די זאכען זענען די ערגסטע... ווייסט וואָס דער „נועם אלימלך" זאָגט.

דער בלאסער: על־פי־דין איז מחלל שבת ערגער...

דער שווארצער: דאָס איז על־פי־נגלה...

(פון דערווייטען הערט זיך א געשריי, פון וועלכען דער פלאָם פון יאָהרצייט־ליכט, דוכט זיך, ציטערט. ס'קומען אריין צוויי יונגע ווייבער, פאלען־צו מיט האַרץ־רייסענדע קולות צום אָרון־קודש:)

רבונו של־עולם... האָב רחמנות... אונזער מאמע...

(ביי דער טהיר בלייבט שטעהן מיט צעשראָקענע, גרויסע אויגען אנ'אכט־יאָהריג

מעדעל, מיט צעלאָזטע, בלאָנדע לאָקען און הערט זיך איין אין געשריי פֿון די ווייבער וועלכעס, דוכט זיך, ווערט דערשטיקט אין די שוואַרץ־פֿינסטערע ווינקעלעך פֿונ'ם גרויסען בית־מדרש. די ווייבער געהען אַרויס. נאָך זיי דאָס מעדעלע. די געשרייע הערען זיך פֿון דרויסען און פֿון רגע צו רגע ווערען זיי אַלץ מעהר און מעהר צע־רינען. דער שוואַרצער און דער בלאָסער, וועלכע זענען די גאַנצע צייט גע־בליבען זיצען שטום ווי איינגעגליווערט, קוקען איינער אויפ'ן צווייטען אַ מאָמענט שטום).

דער בלאָסער: האָסט געזעהן, נעבעך, דאָס מעדעלע... האָסט געזעהן די אויגען ווי זיי האָבען געקוקט? ... ווי קלאָהר? ...

דער שוואַרצער: (נאָכדענקענד) אַניעדעל פּנימ'ל...

(פֿון דערווייטען הערט זיך אַ האָהן קרעהען)

דער שוואַרצער: ס'איז שפּעט, מ'דאַרף געהן אַהיים... (שטעלען זיך אויף, ווערען פֿערשלונגען אין שאָטען וואָס געבען דער טהיר).

דער בלאָסער: (אַרויסגעהענדיג. עטוואָס גערעגטע שטימע) האָט דיין טאַטע אַליין געזעהן אַ מת? ...



זייטע 24 ענדע פונ׳ם ערשטען מאָנאָלאָג
איז אין אַ טייל פון דער אויפלאַגע
אַרויס געפאַלען דאָס לעצטע וואָרט
פונ׳ם מאָנאָלאָג: גערטרונקען.

איז מיין פערלאג איז ביז היינט ערשיענען:

רביבים קובץ ספרות ערוך ע״י י. ח. ברנר

חלק א׳ מחירו 50 קאפ. — חלק ב׳ 40 קאפ.

הספר הראשון מכתבי י. ח. ברנר מחזיק כמאתים עמוד שלשה עשר ספורים מוגהים ומתוקנים ע״י המחבר עצמו. מחירו 70 קאפ.

וואס איך זינג און זאג. ש. י אימבער. (אבאנד געדיכטע)

פרייז 40 קאפ.

אין פערחלומטע שעה׳ן. יעקב מיסטעל. פרייז 40 קאפ.

בוכהענדלער ראבאט.

אדרעס:

Ch. Ickowicz, Lemberg Rzeźnicka 9.
(Galizien)